№ 105 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem | פרייז 20 גראשען | Lodzer Tageblat

לאָדזשער טאַגעבלאַט

היינט 6 זייטען

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 10057, פון אַדמיניסטראַציע 10047.

דינסטאַג, ח׳ אייר פ׳ (אחרי-קדושים) תר״צ | 6 maja 1930 r. | 23-טער יאהרגאַנג

מאהאטמא גהאנדי ארעסטירט געווארען

אונטער׳ן געזאַנג פון אינדישען נאַציאָנאַלען הימן ווערט גהאַנדי אָפּגעפיהרט אין תפיסה. — ריזיגער פּראָטעסט מיטינג אין באָמביי. — אַלע געשעפטען און שולען אין באָמביי געשלאָסען. — גהאַנדיס שטעלפערטרעטער איבערגענומען די מאַכט. — אָנפראַגען אין ענגלישען פאַרלאַמענט וועגען די מיליטערישע כוחות אין אינדיען. — אָפיציעלער קאָמוניקאַט וועגען גהאַנדי׳ס אַרעסט.

נאציאנאלער טרויער אין אינדיען

לאָנדאָן, 5. (מג.)

נהאַנדי איז אין דער נאַכט פון זונטאָג אויף מאָנטאָג אַרעסטירט געוואָרען.

נהאַנדי איז אַרעסטירט געוואָרען אויפ׳ן סמך פון אַ פעראָרדנונג פון יאָהר 1927, וואָס גיט דער ענגלישער מאַכט די מעגליכקייט צו האַלטען דעם אַרעסטירטען אין תפיסה אַ אומבעשטימטע צייט נישט שטעלענדיג איהם פאַר׳ן געריכט.

דער אַרעסט איז פאָרגעקומען אויפ׳ן סמך פון אַ פערשטענדיגונג צווישען וויצע קעניג פון אינדיען און דער לאָנדאָנער רעגירונג.

אין באָמביי האָט די מאַכט אָנגענומען ווייט געהענדע פאָרזיכטס-מיטלען.

לאָנדאָן, 5. (מג.)

וועגען דעם אַרעסט פון מאַהאַטמאַ נהאַנדי ווערען געמעלדעט פאָלגענדע פּרטים:

נהאַנדי האָט זיך געפינען אין זיין צימער אין קאַראַדי, אַ קליינע שטאָט 25 קילאָמעטער ווייט פון באָמביי.

1 אַזייגער איז ערשינען דער פּאָליציי-שעף און זיין שטעל-פערטרעטער אין בעגלייטונג פון 20 בעוואָפענטע פּאָליציאַנטען און נהאַנדי׳ס וואוינונג. נהאַנדי איז דאַן פעסט געשלאָפען. די פּאָליציי האָט געוואָרפען אַ העלען שיין פון אַ עלעקטרישע לעמפּעל אויף זיין פנים. נהאַנדי האָט זיך אויפגעכאַפּט און געפרעגט די פּאָליציי, וואָס זי וויל פון איהם. מען האָט איהם געמעלדען, אַז עס איז פערהאַן אַ בעפעהל איהם צו אַרעסטירען. נהאַנדי, האָט זיך באַלד גרייט געמאַכט און איבערגעגעבען אויגעם פון זיינע מיטאַרבייטער אַ בריוו פאַר׳ן ווייצע קעניג. ער האָט בלויז געפרעגט די פּאָליציי צוליב וועלכער סבה ער ווערט אַרעסטירט. דאַן האָט ער בעפוילען אַ אַנדערען פון זיינע מיטאַרבייטער צו זינגען דעם אינדישען הימן, זיך גענומען זיין שפּין-ראָד און זיך אַריינגעזעצט אין לאַסט אויטאָ, מיט וועלכען ער איז געבראַכט געוואָרען צו דער באַהן און פון דאָרט מיט אַ פּאַסט צוג קיין באָווערלי, 35 קילאָמעטער ווייט פון באָמביי, וואו ער איז אַריינגעזעצט געוואָרען אין אַ אויטאָ מיט פערהאָנגענע פענסטערלעך, אַז מען זאָל מיינען עס פאָהר דאָ אַ אינדישע פערשלייערטע דאַמע און אַזוי איז ער געבראַכט געוואָרען אין דער תפיסה פון יעראַדא.

די ידיעה, אַז נהאַנדי איז אַרעסטירט געוואָרען האָבען אין באָמביי קאָנגרעס-מיטגלידער געמאָלדען דער שטאָט דורך גלאָקען-קלאַנגען. די בעפעלקערונג איז אויפגעפאָדערט געוואָרען צו וואַרפען די אַרבייט און צו ערקלעהרען דעם היינטיגען און מאָרגענדיגען טאָג אַלס נאַציאָנאַלע טרויער-טעג.

די בוימוואָל בערזע איז געשלאָסען געוואָרען. די מאַכט אין באָמביי האָט אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון דער בוימוואָל שפּינערייען אונדוסטריע 2 קאָמפּאַניעס מיליטער. אויסער דעם איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אַ דינסט פון פרייוויליגע, וואָס זאָלען האַלטען די אָרדנונג.

דערווייל וועט אָנפיהרען מיט דער בעוועגונג פון מאַסיווען ווידערשטאַנד אָנשטאָט נהאַנדין, זיין פרוי.

באָמביי, 5. (ספ.)

אַלע געשעפטען אין באָמביי זענען געשלאָסען. אַפילו די מאַכמעדאַנער האָבען אויך פערמאַכט אַלס פּראָטעסט זייערע געשעפטען ביי אַלע געזעלשאַפטליכע בנינים איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען מיליטער.

לאָנדאָן, 5. (ספ.)

אין לאַהאַרא האָבען זיך אַלס פּראָטעסט נעגען אַרעסט פון נהאַנדי׳ן פערמאַכט אַלע שולען.

אין באָמביי איז פאָרגעקומען אַ ריזיגער מיטינג פון 100 טויזענד אָנטיילנעמער. עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע צו קעמפען ביז דער פולער בעפרייאונג פון אינדיען.

נאַלאַלפּור, 5. (ספ.)

נהאַנדי׳ס פרוי האָט ערקלערט, זי האָפט, אַז אינדיען וועט ענטפערן אויפ׳ן אַרעסט פון נהאַנדי מיט אַפערשטאַרקטען קאַמף פאַר דער זעלבסטשטענדיגקייט.

באָמביי, 5. (ספ.)

אַבאַס טיאַדי, וואָס איז נאָך פון פריהער בעשטימט געוואָרען אַלס ממלא מקום פון נהאַנדי׳ן, האָט שוין איבערגענומען די מאַכט.

לאָנדאָן, 5. (מג.)

די רעגירונג פון באָמביי האָט פערעפענטליכט אַ כמעציעלען בעריכט וועגן אַרעסט פון נהאַנדי׳ן. צווישען אַנדערן ווערט אין בעריכט געזאָגט, אַז דער פרייהייטס-פעלדצוג פאַר וועלכען נהאַנדי טראָגט די פעראַנטוואָרטליכקייט האָט געפיהרט צו בעלכען דאָס געזעץ און צו שטערען די רוהה און אַלע מיילען פון אינדיען. נהאַנדי האָט וואָס אַ אמת די דאָזיגע פאַרפאַלען בעדויערט אָבער זיינע פּראָטעסטען נעגען דער אויפיהרונג פון זיינע אָנהענגער זענען בסדר שוואַכער געוואָרען, ווייל ער איז מעהר נישט געווען אין דער לאַגע זיי דערפון אָפּצוהאַלטען.

נאָכדעם ווי נהאַנדי האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס ברעכען דאָס זאַלץ-מאָנאָפּאָל, דער בויקאָט אויפאַן יסלענדישע סחורות און אַנדערע עהנליכע מיטלען האָבען נישט געבראַכט קיין נוצטיגען רעזולטאַט, האָט ער אויפגעפאָדערט זיינע אָנהענגער נישט צו צאָהלען קיין שטייערן.

ווייטער האָט נהאַנדי ערקלערט, אַז ער האָט בדעה צו געהן אין די זאַלץ-פאַבריקען פון דהאַראַסאַנא און צוצונעמען דאָס זאַלץ ביי די פּריוואַטע פאַבריקאַנטען. היות ווי דאָס וואָלט זיכער געבראַכט צו אַ בעוואָפענטען ווידערשטאַנד, און היות ד ירעגירונג פון באַמביי און פערשטענדיגונג מיט דער רעגירונג פון אינדיען איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס מוז ווייטער קומען צו בלוטיגע געשעהענישען אויב נהאַנדי וועט בלייבען אויף דער פריי, איז אָנגענומען געוואָרען דער בעשלוס איהם צו אַרעסטירען.

לאָנדאָן, 5. (ספ.)

דער סעקרעטאַריאַט פאַר אינדיען האָט אָפיציעל געמאָלדען, אַז נהאַנדי איז נישט געוואָרען אַרעסטירט נאָר אינטערנירט.

לאָנדאָן, 5. (ספ.)

אויף אַ אָנפראַגע אין פּאַרלאַמענט האָט דער סעקרעטאַר פאַר אינדיען געענטפערט, אַז נהאַנדי וועט נישט געשטעלט ווערען פאַר קיין געריכט ער איז בלויז אינטערנירט. די רעגירונג וועט זיך אָבער ווייטער בעמיהען צו קומען צו אַ פערשטענדיגונג.

אויף אַ ווייטערע אָנפראַגע האָט דער סעקרעטאַר ערקלערט, אַז אין אינדיען געפינען זיך איצט 59.700 ענגלישע זעלנער.

פאר 6 זל. קיין ווארשא

דערמיט האָב איך דעם כבוד מיטצוטיילען דעם ג׳ פּובליקום, אַז מיין **לוקסוס-אויטא** אויף 22 מאַן קורסירט נאָרמאַל פון היינט מאָנטאַג, דעם 5-טען מאַי 1930.

פון לאדז טעגליכער אפפאהר

פון אַגראַדאָוואַ 9 קיין וואַרשא פּינקטליך 6 פריה.
פון וואַרשא טעגליכער אָפּפאָהר פון באַניפראַטערסקאַ 17, 7 אָוענד.

H. KOWALCZYK

בעמערקונג: מיר מאַכען אויפמערקזאַם, אַז דער טעגליכער אָפּפאָהר פון וואַרשא איז נאָר פון באַניפראַטערסקאַ (נישט ווי ס׳איז פריהער געוועזען אַנאָנסירט דורך אַ טעות פראַנצישקאַנער)

ברכת פרידה

לכם ח.ח. ברוך נומברג ויוסף מרקוספלד
בעלותכם היום ארצה משאת נפשנו,
מי יתן ותבנו עתידנו המזהיר ברוח נביאינו,
ארץ ישראל סוציאליסטית-דתית
עלו והצליחו!

הועד של המפלגה דתית ציונית סוציאליסטית דת ועבודה בלודז,
הועד של חוג הנוער שע״י „דת ועבודה" בלודז,
בית התפלה שע״י דת ועבודה בלודז.

DYREKCJA

Łódzkiego Towarzystwa Elektrycznego, Sp. Akc.,

(Elektrownia Łódzka)

podaje do wiadomości Pp. Odbiorców energji elektrycznej na **ograniczniki,** iż ostateczny termin uregulowania należności za **rachunki II-go kwartału (bronzowe),** to jest za czas od 1 maja 1930 r. do 1 sierpnia 1930 r. **upływa dnia 10 maja 1930 roku.**

Niewpłacenie należności w terminie wyżej wskazanym pociągnie za sobą skutki zerwania umowy zawartej na dostawę energji elektrycznej, oraz przerwę w dostawie prądu bez uprzedniego o tem zawiadomienia.

W celu uniknięcia ścisku przy płaceniu w ostatecznym terminie, uprasza się o wcześniejsze regulowanie należności.

Przy płaceniu należy bezwzględnie przedstawić zapłacony rachunek bronzowy za I kwartał 1930 roku.

אונזער ג׳ מיטאַרבייטער **מנחם מנדיל ראזענצווייג** צוליב׳ן טויט פון זיין פרוי

ראכיל נ״ע

דריקען אויס זייער טיפסטען ביילייד

פאמיליע ראזענשטיין

לאדזער יוד. טעאטער-געזעלשאפט ◆ **טעאטער „ארדט"** אל. 1 מאַי 2.

מאָרגען מיטוואָך, ד. 7 מאַי, פּינקטליך 8.30 אָוועגד קומט פאָר
איינציגער וואָרט-קאָנצערט פון בעריהמטען אַרטיסט-רעציטאַטאָר

הערץ גראסבארד

אין פּראָגראַם: פּרץ, שלום-עליכם, מ. ל. האַלפּערן, משה נאַדיר, א. לודזקי, איציק מאַנגער, א. שטיינבערג א. א.

בילעטען צו בעקומען אין פּאַפּיר-געשעפט ש. האַמבורסקי פּיעטריקאָווער 42 און אין טאָג פון קאָנצערט ביי דער קאַסע פון טעאַטער „אררט".

Dr. Med. E. Reicher

ספעציאל ארצט

פאַר הויט האָר און וועגערישע קראַנקהייטען דיאַטערמיע-בעהאַנדלונג און עלעקטראָ-טעראַפּיע
פּאָלודניאָוואַ 28 נעהמט אָן פון 8–10 פריה 12–2; 5–8.30 אָוו. זונטאָג פון 9–2
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע פּרייזען

3000 דאלאר

ווערען אויף ערשטען נומער פון אַ זיכערער היפּאָטעק אין בעסטען צענטרום פון שטאָט פּיעטרקאָווער גאַס פון זאָפאָרט געזוכט. אָפערטען אָפּצוגעבען אין אַדמ׳ „לאָדזער טאַגעבלאַט" פאַר „Alfa".

פעקויף
פון די נייסטע פאַסאָנען

מענער-היטען

גרויסער אויסוואַהל! – ביליגע פּרייזען!
ווי אויך נעהמע אָן צו פאַסינירען
צו זעהר ביליגע פּרייזען!

H. APPEL, Łódź
ul. Piotrkowska 60. (אין הויף)

וויכטיג פאר פאבריקאנטען

וואָס אַרבייטען אויס טוּוער-אַרטיקלען, קענען בעקומען דערצו אַלערליי עפעקט-גאַרן, ווי: קניקערבאָקס, שפּיראַלען און פלאָקע-גאַרן אויסגעאַרבייט

פון דער **קונסט-צווירנעריי**

פון **וואַלדמאַן, לאָדז, זאַוואַדזקאַ 16**
שטאָק. טעלעפ.: פאַבריק 164-88 וואוינונג 118-32
ט׳ווערען אויך אָנגענומען אַלע אַרט בוימוואָל-גאַרן

צום גלאנצען.

פענסיאנאט „ZŁOTA KULA"

אין בעסטען ווינקעל פון **קראשוו.**

די שענסטע ווילע פון דער גאַנצער געגענד

צווישן סאָסנאָווע בוימער, זאַמדיגער באַדען, הערליכע איינריכטונג, זאָרגפעלטיגע בעדינונג, שמאַקהאַפטע קיך, כשר, מוזיק, זון-בעדער און פּלאַזשע

א שטילער קור-ארט פאַר עלטערע	פערוויילונגס-ארט פאַר יוגענד	א גן-עדן ווינקעל פאַר קינדער

קינדער פון 6 יאָהר אונטער דער אויפזיכט פון אַ געניטע פּרעבליסטען.
קומט און איבערצייגט אייך! ═══ קומט אויז איבערצייגט אייך!

Kraszew, Stacja Andrzejów Willa Magdziarza pod lasem

געגויע אינפאָרמאַציעס ווערט ערטיילט פּאָלודניאָוואַ 20 וו. 45 פון 3–5, 8–10 אָוו.

Dr Z. RAKOWSKI

ספעציאַליסט פאַר אויערן, נאָז, האַלז און לונגען-קראַנקהייט
קאָנסטאַנטינער 9 טעלעפאָן 127-81
שפּרעכשטונדען 12–2 און פון 5–7 נעמט אויך אָן אין לעטשניצע זגערזשער 17, פון 2 ביז 3 נאָכמ׳

Dr. med. H. Lajchter

צאָהן-כירורג

קיפּער, דזשאַנסלעס גומען, ציינג-קראַנקהייטען א.ד.ג.
האט זיך איבערגעצויגען
אויף זשעלאַנאַ 9, טעל. 149-66 1 שטאָק פראָנט

סטארשי-פעלשער
M. Rubinsztein

שטעלט פּאַקען טעגליך מיט פרישע קראָוויאַנקע און גיט אויך אַרויס שוויאַדעצטוועס
Wschodnia 57 — Tel. 178-12
נעמט אָן פון 8–11 און פון 4–6 אָוועגד.

Lekarz-dentysta
ש. ליבערמאן
ציין-כירורג
11-טער ליסטאָפּאַד (קאָנסטאַנטינער) 46,
טעלעפאָן 172-06
נעמט אָן פון 1 ביז 7 אָוונט
צו לעטשניצע פּרייזן

אַנאָנסען אין „לאדזער טאגעבלאט" האָבען דעם גרעסטען ☞ פאָלג.

Dr. B. DONCHIN

ספעציאַל-אַרצט פאַר אויגען-קראַנקהייטן
צוריקגעקעהרט
Moniuszki 1, tel. 209-97.
נעהמט אָן פון 10–1 און פון 4–7 אָוועגד

Dr. med. Adam Bender
נארוטאוויטשא 30 טעל. 41-75
ספּעצ. פאַר אינערליכע און האַרץ-קראַנקהייטען

Dr. L. PIKIELNY
UROLOG
ספּעציאַל-אַרצט פאַר נירען, בלאָז, אורין-קראַנקהייטען
Nawrot 8. telefon 219-90
נעמט אָן פון 4 – 7

סטארשי-פעלדשער
B. Joskowicz
שטעלט פּאַקען טעגליך מיט פרישער קראָוויאַנקע און גיט אויך אַרויס שוויאַדעצטוועס
פולנאצנא — Północna 4 טעלעפ. 141-86
נעמט אָן פון 8–11 און פון 4–6 אָוועגד.

פעטריציע מכּה די אויסערגעוועהנליכע סיים סעסיע
ווערט דאנערשטאג דערלאנגט דעם מלוכה-פרעזידענט

פעטיציע וועגען דער אויסערגעוועהנ-ליכער סיים-סעסיע

וו אַ ר ש אָ (טעל.) דאָנערשטאָג וועט דער צענטראָלעוו איבערגעבען דעם מלוכה-פרעזידענט די פעטיציע וועגען צונויפרופען אַ אויסערגעוועהנליכער סיים-סעסיע. די פעטיציע וועט גלייכצייטיג אויך צוגעשיקט ווערען צום סיים-מאַרשאַלעק.

העכסטער געריכט אָפּגעוואָרפען די אנקלאגע געגען די סיים-וואהלען

וו אַ ר ש אָ (טעל.) דער העכסטער געריכט האָט אָפּגעוואָרפען די אָנקלאַגע געגען די סיים-וואַהלען אין נאָוואָגרודקער קרייז.

געשטארבען די פרוי פון נ. שטרויס

נ י ו י אָ ר ק 5. מאַי (יט"א) דאָ איז געשטאָרבען אין עלטער פון 76 יאָהר די פרוי פון בעוואוסטען יודישען פילאַנטראָפּ נאַטאַן שטרויס. די לויה איז פאָר-געקומען היינט פון עמנואל טעמפעל. אין דער לויה האָבען זיך בעטייליגט זעהר פיל מענשען.

89 טויזענד פונט ענטשעדיגונגען האבען די יודען בעקומען אין א"י

י ר ו ש ל י ם 5 מאַי (יט"א) עס ווערט פעסטגעשטעלט אַז די אַלגעמיינע סומע ענטשעדיגונג, וואָס די יודען האָבען בעקומען אויסגעצאָהלט פון דער ארץ ישראל רעגירונג בעטרעפט 89.700 פונט.

געשטארבען יודישער מיטגליד פון העכסטען געריכט אין אמעריקא.

נ י ו - י אָ ר ק (יטא) אין עלטער פון 80 יאָר איז געשטאָרבען דער עלטסטער מיטגליד פון העכסטען געריכט אין שטאַט ניו-דזשערסי סאַמועל קאַליש, א יוד. דער פערשטאָרבענער איז געבוירען געוואָרען אין קלעוולאַנד. זיין זיידע איז געווען דער בעקאַנטער פויזנער רב קאַליש. זיין פאָטער, ד"ר איזידאָר קאַליש איז געווען דער מחבר פון א ריהע ווערק אין חכמת-היהדות. ריכטער קאַליש איז בעשטימט געוואָרען דורך פרעזידענט ווילסאָן אויף דעם אמט און מיטגליד פון העכסטען געריכט אין יאָהר 1911

———:0:———

„טיימס" וועגען סטימפסאנס מיסיע אין ארץ-ישראל

לאָנדאָן, 5. (יט"א) מיסטער סטימסאָן, וועלכער פאָהרט קיין א"י אויף אַ קאָנפערענץ מיט'ן הויך-קאָמיסאַר וועגען די ווינטיגסטע ענינים פון ארץ ישראל, איז איצט אַלט 62 יאָהר. אין די יאָהרען 1922/24 איז ער געווען מיטגליד פון ענגלישען פאַר-לאַמענט און אָנגעהערט צו די ליבעראַ-לען. פון יאָהר 1889 איז ער געווען אין ציוויל-דינסט אין אינדיען און פערנו-מען דאָרט פערשידענע פעראַנטוואָרט-ליכע אמטען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין איצטיגער בעשטימונג, האָט די „טיימס" פערע-פענטליכט א לייט-אַרטיקעל, אין וועל-כען די צייטונג שרייבט, אַז סטימפּזאָן איז אַ מענש מיט אַ גרויסער ערפאָה-רונג אין די פּראָבלעמען פון נאָהנטען מזרח. סטימפּזאָן דאַרף זיך בעראַטען מיט'ן הויך קאָמיסאַר וועגען די דרינ-גענדסטע פּראָבלעמען, וואָס זיינען ערוואַקסען געוואָרען אין בעריכט פון דער שאָו-קאָמיסיע. אין דעם בעריכט איז אַנערקענט, אַז די יודישע איינוואַנ-דערונג שטויסט זיך אָן אויף שוועריג-קייטען צוליב דעם נאַטירליכען צו-וואוקס פון דער אראַבישער בעפעלקע-רונג. עס איז אָבער מעגליך, אַז מיט פערבעסערטע אַרבייטס מעטאָדען, וועט מען נאָך קענען בעזעצען אַ גרויסע צאָהל קאָלאָניסטען אויף ערד. אויב דאָס וועט זיך אַרויסווייזען פאַר ניט מעג-ליך, וועט דאַן מוזען קומען ענדע-רונגען אין מאַנדאַט און אין ציוניסטי-שען פּראָגראַם.

———

וועלט-קאנפערענץ פון די רעוויזיא-ניסטען איז חודש אויגוסט

פּ אַ ר י ז (יטא) אויף דער זיצונג פון דער רעוויזיאָניסטישער וועלט-עקזעקו-טיווע, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען, איז בעשלאָסען געוואָרען צונויפצורופען די 4. וועלט-קאָנפערענץ פון די ציוניסטען-רעוויזיאָניסטען אויף דעם 4 אויגוסט ה. י. קיין פּראָג. די קאָנפערענץ וועט דויערן 5 טעג און וועט בעהאַנדלען די פּאָליטישע לאַגע נאָך דער לעצטער סעסיע פון ציוניסטישען אַקציאָנס-קאָמי-טעט און נאָכ'ן פערעפענטליכען דעם בעריכט פון דער שאָו-קאָמיסיע.

פרויען מעגען זיין פערטיידיגערינס איז די ארץ-ישראל געריכטען.

י ר ו ש ל י ם (יטא) אין דעם אָפיציע-לען רעגירונגסבלאַט איז פערעפענטליכט געוואָרען אַ פעראָרדנונג, וואָס ערלויבט פרויען אַרויסצוטרעטען אַלס פערטיידי-גערינס אין געריכט. פרויען קענען אָבער נישט ערפילען די דאָזיגע פונקציעס אין רעליגיעזע געריכטען. דער שעף פון יוס-טיץ-לעזען קען אויך אויסשליסען פרויען פון פערטיידיגער פון געוויסע קרימינעלע פּראָצעסען.

קאנפליקט צווישען אינערן מיניסטער און פרעמיער
וועגען די שטאט-ראט וואהלען אין ווארשא און לאדז

וו אַ ר ש אָ, 5. (טעל.) ווי בעקאַנט הערט מען יעדעס מאָל אַנדערע קלאַנגען וועגען די שטאָט-ראַט וואַהלען אין וואַרשאָ. אָט איז דאָ אַ ידיעה, אַז זיי וועלען בקרוב פאָרקומען און אָט ווידער, אַז זיי וועלען נישט פאָרקומען.

די דאָזיגע פערשידענע קלאַנגען ער-קלערען זיך מיט דעם קאָנפליקט, וואָס געהט אָן אין דער פראַגע צווישען פרעמ-יער סלאַוועק און אינערן מיניסטער יוזעווסקי. פרעמיער סלאַוועק איז געגען נייע וואַהלען, דער אינערן מיניסטער איז דורך אויס פאַר נייע וואַהלען. דער ענין זאָל די טעג דעצידירט ווערען אויף א זיצונג פון מיניסטאָרען ראַט. אויב דער מיניסטאָרען ראַט זאָל בעשליסען, אַז די קאַדענץ ווערט נישט פערלענגערט דאַן וועט דאָס איינגע געשעהן אויך בנוגע לאָדז. סיי אין לאָדז סיי אין וואַרשאָ וועלען דאַן פאָרקומען נייע וואַהלען

ארום דעם קראך אויף דער ניו-יארקער בערזע
אין די באנק קרייזען קוקט מען אָפּטימיסטיש אויף דער לאגע

נ י ו - י אָ ר ק, 5 (ספעצ.) די בעפעלקערונג און די בערזען-קרייזען ער-וואַרטען אין דער גרעסטער שפּאַנונג די היינטיגע בערזען-זיצונג.

אין דער עפענטליכער מיינונג שטאַרקט זיך די מיינונג, אַז דער פרייטאָג-דיגער און שבת'דיגער קראַך אויף דער בערזע בעדייט אַ אָנהויב פון אַ גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָס וועט זיין אַ איבערחזרונג פון דער קאַטאַסטראָפאַלער קורס-ירידה ווי אין אָקטאָבער פון פאָריגען יאָהר.

אין שייכות מיט אָט דער פּאַנישער שטימונג איז שוין פערנאָטירט געוואָ-רען אַ רייה זעלבסטמאָרדען פון פערזאָנען, וואָס האָבען געליטען פון בערזען-קראַך.

די באַנק-קרייזען שאַצען אָפּ אָפּטימיטיש די לאַגע און ווייזען נישט אַרויס קיין בעאונרוהיגונג.

די רבנות הראשית איז ארץ-ישראל פאדערט-אויף איינצושרייבען זיך אין באלפור-בוך פון ק. ק. ל.

י ר ו ש ל י ם (יטא) די רבנים הרא-שים הרב קוק און הרב יעקב מאיר ווי אויך הרב עוזיאל און הרב אראַנאָן האָבען פערעפענטליכט אַן אויפרוף צו אַלע יודישע קהלות, שולען און תלמוד תורות מיט דער אויפאָדערונג, זיך איינצושרייבען אין גאָלדענעם באַלפור-בוך פון קרן-קימת. סך-הכל האָבען זיך אין באַלפור-בוך ביז איצט פערשריבען 24 יודישע אינסטיטוציעס, צוו. אנר. דער קהלה-ראַט אין תל-אביב, ריטען-בערג'ס עלעקטריציטעט געזעלשאַפט, „הרסה" און אנדערע.

———:0:———

ארעסטירט קאמוניסטען אין ירושלים

י ר ו ש ל י ם (יטא) פּאָליציי האָט דורכגעפיהרט אַ רעוויזיע אין הויז פון אַ געוויסען אַראַבער, וואו זי האָט געפונען קאָמוניסטישע ליטעראַטור, אַנ'אַפּעל-שע שרייב-מאַשין און פערשידענע דאָ-קומענטען. דער אַראַבישער אייגענטי-מער פון דער דירה איז פערשוואונדען. עס איז אַרעסטירט געוואָרען אַ יודישע פרוי, וואָס וואוינט מיט דעם אַראַבער, מיט אַ חודש'ריגען קינד אויפ'ן האַנד און זי געבראַכט געוואָרען צום אויס-פאָרשונגס-ריכטער. זי ווערט בעשול-דיגט אין פיהרען קאָמוניסטישע פּראָ-פּאַגאַנדאַ. די יודישע פרוי איז נעגען קאָ-ציעש בעפרייט געוואָרען ביז'ן פּראָ-צעס.

י ר ו ש ל י ם (יטא) אברהם בראַווי-לאָווסקי, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרען בעת ער איז אָפּגעשטאַנען פון באַרן אין ירושלים מיט אַ וואַליזע, אין וועלכער ער האָט געפיהרט קאָמוניסטישע פּראָ-קלאַמאַציעס, איז פערמשפּט געוואָרען אויף 3 חדשים תפיסה און דעפּאָרטאַ-ציע פון ארץ ישראל נאָכ'ן אָפּזיצען די שטראָף.

———:0:———

נאציאנאל-סאציאליסטישער אגיטאטאר בע-שטראפט פאר אנטי-יודישער אגיטאציע.

ב ע ר ל י ן (יטא) דאָס קרייז-געריכט אין קאַסעל האָט פערמשפּט דעם נאַ-ציאָנאַל-סאָציאַליסטישען וואַנדער אגי-טאַטאָר, ווערנער בערגמאַן אויף 2 חדשים תפיסה אָדער 180 מאַרק שטראָף פאַר בעגוצען זיך מיט פערשידענע לי-גנערישע און בעלידיגענדע בעהויפטונ-גען אין זיין אַנטי-יודישער אַגיטאַציע. בערגמאַן פלעגט אויף די דאָרף-מיטינ-גען צוו. אַ. דערצעהלען, אַז יודען פּראַקטיצירען נאָך דאָס בלוט, וואָס ווערט פערקויפט פאַר נישט-יודען.

אראבישע דעלעגאציע פון ארץ-ישראל אנגעקומען קיין אמעריקא.

נ י ו - י אָ ר ק (יטא) דאָ איז אָנגע-קומען די אַראַבישע דעלעגאַציע פון א"י בראַש, פון וועלכער עס שטעהט עמיר אַבדעל אַרקלאַן, דער פּרעזידענט פון דער סיריש-פּאַלעסטינישער דעלעגאַציע ביים פעלקער-בונד. אין אַ געשפּרעך מיט'ן פאָרשטעהער פון יט"א האָט עמיר אַרסלאַן ערקלערט:

דער איינציגער וועג צו דערגרייכען אַ פערשטענדיגונג צווישען יודען און אַראַ-בער פיהרט דורך דער אָפּשאַפונג פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע. מיר בע-טראַכטען די דעקלאַראַציע פאַר דעם שעדליכסטען און פיינדליכסטען שריט לגבי דער אַראַבישער נאַציע. מיר קענען נישט אָנערקענען קיין פרעמדע פּאָליטי-שע קראַפט אין אונזער לאַנד, מיר וועלען נאָר נישט געהאַט קיין שום שטרייט-פונק-טען מיט די יודען אין א"י, ווען זיי האָבען נישט קיין פּאָליטישע שטרעבונ-גען. אונז זענען מיר חושד יעדען יו-דען אין א"י, אפילו אַן אָרטאָדאָקס און נישט-ציוניסט, אין געהיימע ציוניסטישע צילען און שטרעבען צו הערשען אין לאַנד.

אויף דער פראַגע, צי זעגען די אַראַ-בער גרייט צו פיהרען אונטערהאַנדלונ-גען מיט די ציוניסטען, האָט דער עמיר געענטפערט: ניין. מיר האָבען פערלוי-רען יעדען צוטרוי צו די ציוניסטען. זיי מענה'ן איינס און טוען דאָס צווייטע. אין 1922 האָב איך אונטערהאַנדעלט מיט ד"ר ווייצמאַן אין קאַירא. ד"ר ווייצמאַן האָט מיך געבעטען צו פער-מיטלען און ברענגען צו אַ פערשטענדי-גונג צווישען יודען און אַראַבער. מיר זענען דאַן געווען גרייט צו אונטערהאַנ-דלען. פון יענער צייט אָבער האָבען די האַנדלונגען פון די ציוניסטען בעוויזען, אַז מיר קענען זיי נישט גלויבען און מיר זעהען נישט קיין שום גרונדלאַגע פאַר דירעקטע אונטערהאַנדלונגען לסוף האָט עמיר אַרסלאַן ערקלערט: קורץ און שאַרף קען די פראַגע פאָרמולירט ווערען אויף פאָלגענדען אופן: אין א"י איז נישטאָ קיין אָרט פאַר די געגענזייטיגע צילען פון די יודען און די אַראַבער.

———:0:———

140 פונט געלד-שטראף פאר בעזיצען רעוואלווער.

י ר ו ש ל י ם (יטא) דאָס היגע געריכט האָט פערמשפּט צו בעצאָהלען 10 פונט געלד-שטראָף אַ געוויסע מלכה רייכשטיין, וואָס איז געקומען פון פוילען און ביי וועלכער מען האָט בעת אַ רעוויזיע געפונען אַ רעוואָלווער און 25 קוי-לען.

באלפור-חודש אין פוילען
לאדזער ציונ. ארגאניזאציע איינגעשריבען לארד באלפורן אין גאלדענעם בוך פון קרן קימת לישראל

דער אַקציאָנס-קאָמיטעט האָט בעש-לאָסען אויפצוזאַמלען 5000 איינשריי-בונגען אין ספּעציעלען באַנד פון „ספר הזהב", געווידמעט דעם אַנדענקען פון באַלפור'ן. דאָס יודישע פאָלק דאַרף ווייזען דער גאַנצער וועלט, אויף ווי-פיל עס שעצט און פערעהרט דעם נאָ-מען פון גרויסען פערשטאָרבענעם, וועל-כער האָט עפענטליך פּראָקלאַמירט דעם אויפבוי פון דער יודישער נאַציאָנאַלער היים און האָט פערווירקליכטזיין פּראָק-לאַמאַציע מיט דער באַלפור דעקלאַראַ-ציע.

דורך דעם אויפשטעלען אַן'אייביגען מאָנומענט באַלפור'ן וועט דאָס פאָלק אויסדריקען זיין שטאַרקען גלויבען און שטאַרקע פאָדערונג פאַר דער רעאַלי-זירונג פון דער דעקלאַראַציע אין איהר גאַנצער ברייט און פערנעהם. די דאָזי-גע אַקציע האָט אַ חוץ דעם געלד-ווערט, אויך א גרויסע בעדייטונג אַלס דעמאָנ-סטראַציע פון די ציוניסטישע כחות און ענטפלעקונג פון ווילען אין דער פערווירקליכונג פון אונזערע שטרעבונ-גען אויפצושטעלען און פערפעסטיגען אונזער נאַציאָנאַלע היים.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט דאָס דירעקטאָריום אין פוילען פּראָקלאַמירט אַ באַלפור-חודש, וועלכער וועט דויערען דעם גאַנצען חודש מאַי ביז'ן 5-טען יוני, די ל"ג-אַקציע און די נדרים אין שבועות וועלען אַדורכגעפיהרט ווערען אונטער'ן לאָזונג פון דער באַלפור-אַק-ציע, אין משך פון דער גאַנצער צייט וועלען איינגעאָרדענט ווערען עפענ-טליכע פערזאַמלונגען, פאָלקס-פערזאַמ-לונגען צו באַלפורס אָנדענקען און גרויסע פאָלקס-פערזאַמלונגען צו באַל-פורס אָנדענקען און גרויסע פאָלקס-זאַמלונגען פאַר דער איינשרייבונג פון באַלפור'ן אין ספר-הזהב.

* * *

אויך אין לאָדז ווערען שוין געמאַכט הכנות אויף צו זאַמלען איינשרייבונגען אין באַלפור-באַנד פון „ספר-הזהב". די התחלה איז געמאַכט געוואָרען דורך דער היגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם באַלפור-חודש בעשלאָסען איינצו-שרייבען לאָרד באַלפור אין „גאָלדענעם בוך" פון קרן קימת, דאָס איז אַלזאָ די ערשטע איינשרייבונג אין באַלפור-באַנד פון לאָדז. דער פולער בעטראַג פון 100 דאָלאַר פאַר דער איינשרייבונג איז שוין איינגעצאָהלט געוואָרען אין דער קאַסע פון קק"ל.

———:0:———

קאדענץ פון שטאט-ראט ווערט נישט פערלענגערט,

(§) די קלאַנגען, אַז די קאַדענץ פון לאָדזער שטאָט-ראַט זאָל פערלענגערט ווערען אויף אַ יאָהר, שטימט נישט מיט דער ווירקליכקייט. ווי מען רעכענט וועט לען נאָך היינטיגעס יאָהר אין לאָדז פאָרקומען נ"יע וואַהלען.

אכטונג עמיגראנטען !
„יעאס" זיך איבערגעצויגען אין נייעם לאקאל.

די היגע אָפּטיילונג פון דער צענט-ראַלער יודישער עמיגראַציע-געזעלשאַפט „יעאַס" האָט זיך איבערגעצויגען אין אַ נייעם לאָקאַל אויף קילינסקיעגאָ 49 פראָנט, ערשטער שטאָק.

פון מאָרגען אָן וועט שוין די ביוראָ פון „יעאַס" זיין טעטיג אין נייעם לאָ-קאַל. אויך די שפּראַך-קורסען פאַר עמיגראַנטען וועלען פאָרקומען אין אייגענעם לאָקאַל.

מעכאַנישע שלאָסעריי און ווייסעריי
J. Reder, Łódź
Konstantynowska 11 (róg Zachodniej)
כ'נעם אָן פערשידענע שלאָסעריי-אַרבייט און אויטאָגענישע שווייסונגען אונטער גאַראַנטיע.
פּריוואַט-וואוינונג גדאַנסקאַ 20 וו. 17.

Dr. Niewiażski
אנדזשעיאַ 5 טעל. 159-40
נעמט אָן פון 8—11 פריה און פון 5—9 אָוונט.
ספעציאַליסט
פאַר סיפיליס, טריפער און מענער-שוואַכע
בעהאַנדלונג מיט קווארץ-שטראַהלען.
פאַר דאַמען ספּעציעלער וואַרטע-זאַל.

Dr. med. M. Heller
ספּעציאַליסט פאַר הויט- און וועגערישע קראַנקע און מענער-שוואַכע
נאַווראַט 2, טעל. 179-89
נעמט אָן ביז 10 פריה, און פון 4—8 אָוונט
פאַר פרויען פון 4—5 נאָכם.
אונבעמיטעלטע — לעטשניצע פרייזען.

Dr. Ludwik Falk
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט און געשלעכטס-קראַנקהייטען
נאַווראַט 7, טעל. 128-07
נעמט אָן פון 10—12, 5—7 אָוונט.

Dr. med. H. Różaner
ספּעציאַליסט פון הויט- און וועגערישע קראַנקהייטען און קינדערלאָזיגקייט
נאַרוטאָוויטשאַ 9, טעל. 128-08
נעהמט אָן פון 8—10; 5—8 אָוונד
אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Dr. A. Mazur
חסכאַדניאַ 65, — טעל. 166-01
נעמט אָן פון 10—1.30 2.81 און 4—6 אָוונט.

Dr. Wołkowyski
צעגיעלניאַנאַ 25
טעלעפאָן 126-87
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט און וועגערישע קראַנק-הייטען און מענער-שוואַכע. עלע-אַרט אַנאַליזען
בעהאַנדלונג מיט קווארץ-שטראַהלען.
נעמט אָן פון 8—2, און פון 6—9 אָוונט.
בעזונדער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Dr. med. J. LUBICZ
Ortopeda
גדאַנסקאַ 28, טעל. 183-17
ספּעציאַליסט פון ביינער און געלענקע-קראַנקהייטען פערקרימונגען פון פלייצעס און גלידער

לאדזער טאגעבלאט

דער רעדאקטאר יעדען טאג פון 6 ביז 7 אין אוונט.

נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט

אדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skrz. poczt. 16

טעלעפאנען: רעדאקציע 10057. אדמיניסטראציע 100.47

ביז'ן 15. מאי דארף מען אריינטראגען ביטעס וועגען הנחות אויפ'ן אומזאץ-שטייער

ווער קאן אריינטראגען א ביטע און וואס דארף מען אנגעבען
וויכטיגע אינפארמאציעס פאר די שטייער-צאהלער

דער ענין פון בעצאהלען דעם אומזאץ שטייער איז זעהר א וויכטיגער. כ'ז געווען איז דער ראזינער שטייער צאהל-באר דעם 15 מאי, ד. ה. דער טאג איז דער לעצטער אריינצוטראגען עווענטועלע רעקורסען. מיר מוזען אבער בעמער-קען, אז פון 15 מאי קען מען שוין פאר דעם שטייער דורכפיהרען אנ'עקזעקוציע דאגעגען די פערשלעפונגס-צינזען ווע-רען גערעכענט ערשט פון 29 מאי.

געמיינדינג איז אלט די שווערע סיטוא-ציע, און וועלכער עס געפינט זיך היינט דאס ווירטשאפטליכע לעבען אין פוילען האט דער פינאנץ-מיניסטער מאטושעווס-קי אנומעלט פעראָרדענט פאלגענדעס:

ווי בעוואוסט, איז מען מחויב געווען אין יאהר 1929 צו צאהלען „זאליטש-קעס" אויף דעם ראזינגען שטייער, וועל-כער איז אינצט אויסגעמאסטען געווא-רען. אבער כמעט אין אלע פאלען איז דער סכום פון „זאליטשקעס" קלענער פון דעם אינצט אויסגעמאסטענעם שטייער און אין א סך פאלען זענען דא גרויסע אונטערשידען.

דער מיניסטער האט, אלזא, פעראָר-דענט, אז די ראזינגע חלקים ווערען צע-טיילט אין 2 ראטען, וועלכע זענען צאל-באר: איינער דעם 15 מאי און די אנ-דערע העלפט דעם 15. יוני.

מיר בעמערקען נאך אמאל, אז דא האנדעלט זיך בלויז וועגען דעם אינ-טערשיד פון די איינגעצאהלטע „זא-ליטשקעס" און דעם אויסגעמאסטענעם שטייער און נישט וועגען שטייער בכלל.

פאר די, וואס האבען בכלל קיין „זא-ליטשקעס" נים איינגעצאהלט, אדער בלויז א טייל זאליטשקעס, איז די דא-זיגע הנחה נישט נוגע און זיי ראטען מיר אריינצוטראגען — אויב זיי קענען נישט מיט אמאל דעם שטייער בעצאה-לען און האבען קיין רעקורס נישט גע-מאכט — א ספּעציעלע ביטע מיט א סטעמפּעל-מארקע פאר 3 זל. צו דער איזבא סקארבאווא. אין דער ראזינגער בקשה דארף מען בעטען, צוצוטיילען דעם שטייער אויף ראטען ביז 6 חדשים מיט 1 פראצענט צינזען, פון דעם טאג, ווען ער איז צאהלבאר, ד. ה. פון 29 מאי. אין געגענפאל קאסט תיכף די דורכגעפיהרטע עקזעקוציע 5 פראצענט.

דאגעגען די, וואס האבען געמאכט א רעקורס געגען אומזאץ-שטייער, ווייל לויט זייער מיינונג איז ער צו-הויך אויס געמאסטען, זיי ראטען מיר בעזונדער אריינצוטראגען א בקשה, מען זאל זיי צעטיילען דעם שטייער אויף ראטען מיט דעם צוזאָג, אז מ'זאל זיי דעם שטייער בעגרענצען צו דער הויך, וואס זיי גי-בען אן אין רעקורס בי דער רעוויזיע פון דער קאמיסיע ארוואלאוטשא אין דעם בעגרענצטן שטייער צעלעגען אויף ראטעס.

למשל: א סוחר האט בעקומען צו צאהלען אומזאץ-שטייער פון 1000 זל ער איז צו דעם ראזינגען אומזאץ מסכים נאר ער בעט, מען זאל איהם דעם שטייער פון די 100 טויזענד זל. ד. ה. 25000 זל. און די קומענדיגע 10 פראצענט צושלאג צעטיילען אויף ראטעס

אנ'אנדער סוחר, ווידער, האט בעקו-מען א „אפרוט" פון 500 טויזענד זל. ד. ה. אז ער דארף צאהלען 12.000 זל.

ער טענה'ט אבער אין רעקורס, אז זיין אומזאץ בעטרעפט בלויז 300 טויזענד זל. מוז ער דערום בעטען אין דער ספּע-ציעלער בקשה, מען זאל איהם בעגרע-צען דעם אפרוט ביז 300 טויזענד זל. און דעם שטייער ביז 7.500 זל. ביז צו דער רעוויזיע פון דער אפעלאציע-קא-מיסיע און די ראזינגע 7500 זל. איהם צעטיילען אין ראטעס, זעלבסטפערשטענדליך דארפען אזעלכע בקשות גע-נוי מאטיווירט ווערען, ווייל די איזבא סקארבאווא קאן אויך צו דעם נישט מסכים זיין

בפרט שטעלט זיך דער ענין פאר אנדערש ביי די הורטאווניקעס, וועלכע וועלען האבען בעזונדערע רעכט, לויט דעם לעצטען צירקולאר פון פינאנץ-מי-ניסטעריום, הגם זיי פיהרען נישט קיין האנדעלס-ביכער און זיי איז אויסגע-מאסטען געווארען דער אומזאץ-שטייער לויט דער 2-פראצענטיגער סטאווקע און זיי ווילען דארורך צאהלען לויט דער סטאווקע פון 1 פראצענט.

ווי בעוואוסט, מוזען די ראזינגע הורט-מאווניקעס, וואס רעפלעקטירען אויף דער ראזינגער הנחה, אריינטראגען ספּע-ציעלע ביטעס ביז'ן 15. מאי צו דער איזבא סקארבאווא און אנווייזען אויף פאלגענדע אומשטענדען:

1) אז זיי זענען סוחרים פון דער ערשטער, אדער לכל הפחות פון דער צווייטער קאטעגאריע; 2) אז זיי פיהרען א הורט-מסחר; 3) נאר מיט אינלענדי-שע סחורות; 4) ארטיקעל פון ערש-טען געברויך; 5) אז זייער עקזיסטענץ וואלט בעדראהט געווארען, אויב זיי וועל-לען צאהלען 2 פראצענט און 6) אז זיי האבען אריינגעטראגען א „זעזנאניא" וועגען אפרוט ביז'ן 15. פעברואר (פּא-ראגראף 94 פון געזעץ וועגען אומזאץ-שטייער).

פאר די ראזינגע ווערט אויסגעמאס-טען דער שטייער לויט 1 פראצענט און אויב זיי זענען געווען הורטאווניקעס אין יאהר 1929 און האבען אויסגע-קויפט א פאטענט פון דער דריטער קא-טעגאריע און ווילען געניסען פון דער דערמאנטער הנחה, קאנען זיי צוצאה-לען צום פאטענט ביז צווייטער קאטעגא-ריע.

דאס וויכטיגסטע איז, אז ביטעס זא-לען ביז'ן 15. מאי איינגערייכט ווערען אריינגעטראגען.

ד"ר ח. ב-ן.

———:0:———

קאמפּאניע געגען „ברית שלום".

ירושלים (יטא) אויף א געמיינזא-מער פערזאמלונג פון די צענטראלי-קא-מיטעטען פון „מזרחי" און „פּועלי-מזרחי" מיט'ן אנטייל פון א געוויסער צאהל אונפּארטייאישע כלל-טוער איז בעשלאסען געווארען ארויסצושיקען א טעלעגראפישע ווענדונג צום פּרעזידענט ד"ר ווייצמאן וועגען אפּשטעלען די שעדליכע, פערטעטערישע און אגארבי-זירענדע טעטיגקייט פון „ברית שלום" און אנדערע סעפּאראטיסטישע ריכטונ-גען". די פערזאמעלטע האבען אויפגע-פאדערט דעם גאנצען ישוב צו קעמפען אמשארפסטען געגען דעם „ברית שלום" עס ווערט אויך געפאדערט צונויפצורו-פען א דרינגענדע זיצונג פון ועד-לאומי און די אגענץ-מיטגלידער אין ארץ ישראל, כדי צו בעטראכטען די פּאליטי-שע לאגע אין לאנד.

———

צאהל יודישע סטודענטן אין דייטשע הויך-שולען

בערלין (יטא) דא זענען ערשי-נען סטאטיסטישע טאבעלען וועגען דער צאהל סטודענטען אויף די דייטשע הויך שולען און ערשטען אקאדעמישען האלב יאהר 1929/30.

די צאהל יודישע סטודענטען אויף די דייטשע אוניווערזיטעטען האט בעטראָ-פען 3.824 4,2% פון דער אלגעמיינער צאהל: דערפון אין בערלין — 1517 יודען, פראנקפורט — 329, ברעסלוי — 300, מינכען — 244, לייפּציג — 208, היידעלבערג — 182, קעלן — 193, האמבורג — 145, באן — 133, פרייבורג — 131, ווירצבורג — 116 און קעניגסבערג — 83 יודען.

אויף די טעכנישע הויך-שולען אין דייטשלאנד שטודירען סך-הכל 22,650 פערזאָן, דערבין 547 יודען. די גרעסטע צאהל יודען פאלט אויס אויף בערלין, וואו עס שטודירען 300 יודען.

צי הויבט מען טאקי אן איינצוזעהן דעם אמת?

פון די אלע קלאנגען, וואס האבען זיך ווייט א צוויי-דריי וואכען פערשפרייט און דער פרעסע וועגען דער נאהנטס-טער צוקונפט אין לאנד הויפט אן, ווייזט אויס, זיך אויסצופיקען דאס קערנדעל אמת.

לויט די לעצטע ווערסיעס, וואס קור-סירען אין די פּאליטישע קרייזען, זאלען אין די רייהען פון דער רעגירונג פאר-קומען גרויסע רייבונגען און חלוקי דעות איבער דער שטעלונג צו דער פּעטיציע, וואס דער „צענטראלעוו" ווענט די טעג דערלאנגען דעם פּרעזידענט וועגען צו-נויפרופען אנ'אויסערגעוועהנליכע סעסיע פון סיים. לויט די ראזינגע סברות, זאל די גרופּע מיניסטארען וואס פערטרעטע-טען די ווירטשאפטליכע אינטערעסען, ווי קוויאטקאווסקי און מאטושעווסקי, זיין דערפאר, אז דער סיים זאל יא צו-נויפגערופען ווערען און עס זאל גע-מאכט ווערען א פּרוב פון א צוזאמענ-ארבייט אויפ'ן ווירטשאפטליכען גע-ביט. די ראזינגע גרופּע און מיניסטארען קאבינעט ווייזט אז, לויט די דערמאנ-טע ווערסיעס, אז דער סיים ווערט דאמי פירען א גאנצע רייהע האנדעלס-אפּ-מאכען, וואס זענען וויכטיג פאר'ן ווירט-שאפטליכען ארגאניזם פון דער מלוכה פון דער צווייטער זייט, שטעהט אבער די „פּאליטישע" גרופּע פון קאבינעט, מיט'ן פּרעמיער סלאוועק בראש דורכ-אוים צו פיהרען דאס לאנד ביד רמה און אפּצוווארפען די פּעטיציע פון „צענ-טראלעוו".

די ראזינגע סברות געהען אזוי ווייט, אז מען [illegible] אפילו וועגען סלאַ-וועק'ס רעזיגנאציע אין פאל, ווען די ערש-טע „ווירטשאפטליכע" מיניסטארען וועט לען אין דעם ענין בעקומען די אויבער-האנד.

פון די אלע קלאנגען און השערות, מיט וועלכע די צוהויצטע פאנטאזיע האט אונז געשפּייזט די לעצטע פאר וואכען, איז דאס דער איינציגער לאגי-שער און פערנונפטיגער אויסגאנג פון דער לאגע. מיר געפינען זיך איצט אין פוילען אין אזא קלאגערינגען מצב, אז אנשטאט די רפואות און היילמיטע-לען פאר'ן פארלאמענטאריזם, מוז מען זיך בעסער נעמען צו היילען דעם שווער קראנקען ווירטשאפטליכען ארגאניזם, וואס געהט מיט יעדען טאג אלץ מעהר און מעהר איין. לויט די לעצטע קלאנ-גען זאל מען שוין טאקע האבען אין די מאסגעבענדע ספערען געקומען צו דער ראזינגער איבערצייגונג, און מען זאל דארט זיין שטארק גענויגט צו דער שטע-לונג פון די „ווירטשאפטליכע" מיניס-טארען.

אויב די ראזינגע השערה, וועלכע וויזט טאקע אויס צו זיין קרוב לאמת, זאל זיך ארויסווייזען פאר א גאנצען אמת, וועט מען ווירקליך קאנען זעהר פיל האפען אויף אנ'אנהויב פון א נייער ווירטשאפטליכער פּאליטיק. די פיהרענ-דע פּאליטיקער פון דער סאנאציע האבען א פּנים, ענדליך איינגעזעהן, אז די נייע וואהלען, (און נייע וואהלען וועלען דאך מוזען פארקומען, ווי באלד די פּעטיציע פון „צענטראלעוו" וועט אפּגעווארפען ווערען) וועלען קיין שום טובה נים ברענ-גען פאר די איצטיגע מאכט-האבער פון לאנד, אויב זיי וועלען קומען צום פאלק מיט אזא שווערען פּאק פון ווירטשאפט-ליכע חטאים, וואס האבען דערפיהרט דאס לאנד צו דער ווירטשאפטליכער קאטאסטראפע. און אויב מען רעדט וועגען תרופות און מעדיקאמענטען פאר דער פּאליטישער ארגאניזאציע פון דער מלוכה, מוז מען פריהער היילען דעם ווירטשאפטליכען ארגאניזם. אנדערש וועלען די נייע וואהלען ברענגען דער סאנאציע רויטע פערלוסטען. דאס פאלק, וואס האט אין די גאנצע צייט פון דעם 4-יעהריגען מאי-רעזשים גע-קרעכצט אונטער דער בעטש פון ווירט-שאפטליכען קריזיס, איז ביטער ענ-טוישט, און ביי די ערשטע בעסטע גע-לעגענהייט וועט ער אפּגעבען די שטי-מען אפילו דעם טייוועל, און זיך נישט אפּגעבען אפילו-דערפון קיין רעכענונג צי די, וואס ער וועהלט איצט אויס, וועלען אהם יא ברענגען די ישועה.

אזוי איז שוין די טבע פון וואהלען, זיי דינען מעהר אלס אויסדרוק פון פּראָ-טעסט געגען די, וועלכע ווי וועהלען נים. איינער א הספּם אויף די, וואס קומען דורך זייערע שטימען אין פארלאמענט אריין.

און די מאסגעבענדע קרייזען האט מען ענדליך דאס געמיינט פערשטעהן, און מען איז דארט א פּנים געקומען צו דעם וואס אנדערע האבען שוין פריהער גע-זאגט. פּאליטישע סאנאציע און ווירט-שאפטליכע קאטאסטראפע — איז דער גרעסטער אומזין.

דאס פאלק האט נישט קיין געטער, דאס פאלק האט נישט קיין היילינגע. דער וואס גיט דעם פאלק ברויט, דער, וואס פערזיכערט איהם א רוהיג לעבען אהן דאגות אויפ'ן מארגענ'דיגען טאג — דער איז זיין געזאלבטער פיהרער, און דער איז זיין מנהיג, און די מאסגעבענדע ספערען הויבט מען דאס אן צו פערשטעהן.

—פּ.ה.

מאהאטמא גאנדי / פון ד"ר א. מוקדוני

II.

90 פונט וועגט דער מענש, וואס פיהרט אן דעם ביטערסטן קאמף געגען דער גרעסטער אימפּעריע, געגען ענג-לאנד.

הויט און ביינער איז דער מענש, וועל-כען די גרעסטע אימפּעריע קאן נישט בעזיגען.

ער פאסט תעניתים און געהט ארום האלב נאקעט [illegible]

[illegible]

וואלט גאנדי אויף אין מינוט אויפ-געהערט צו זיין א צדיק, וואלט ענגלאנד מיט איהם באלד פערטיג געווארען.

דא שטעהט א היילינגער געגען וואלבענ-דיגע און גרויסע פּאליטיקער. דא שטעהט א מאראלישער ריז געגען מאראלישע ליליפּוטען. דא שטעהט א גיגאנטישער צדיק געגען א באפּטע ריעמלען און מען קאן זיך קיין עצה נישט געבען.

און די וועלט שטעהט און טשעקעט מיט די פינגער אויף ענגלאנד — זי איז די מרשעת, די אונגערעכטע מרשעת און ענגשענען איהר שטעהט א היילינגער, א צדיק.

ווייל גאנדי'ס צדקות שטראכט אונ-טער די אונגערעכטיגקייט פון ענגלאנד. וויפיל וואלט ענגלאנד געגעבען, אז גאנדי זאל ווערען אונגערעכט. אז ער זאל זיך אויך נעהמען צו איהרע מלחמה מיטלען און ווערען א רשע!

זי וואלט זיך תיכף דערשפּירט שטארק און דער עיקר'שט גערעכט.

ענגלאנד ווארט; ענגלאנד קוקט פסדר אוים אויף א געלעגנהייטליך געשלעג. און א געלעגנהייטליכען געשלעג זענען נישטא קיין צדיקים און רשעים ביידע זענען גלייך גערעכט אדער אונגערעכט.

אבער דא שטעהט פאר איהר א פּעס-טער צדיק, מען קאן איהם פון וועג נים אראפּפיהרען, דא שטעהט א גרויסע מא-ראלישע פערזענליכקייט, וואס לאזט זיך נישט צורודערען דא שטעהט פאר דער סוחר'ישער ענגלאנד א היילינגער, וועל-כען מען קאן נישט פערשוועכען.

זענען מיר עדות פון דער וואונדער-ליכסטער רעוואלוציע, פון אזא מין רעוואלוציע, פון וועלכער די וועלט-געשיכ-טע ווייסט נישט עס איז די ערשטע וואונדערליכע רעוואלוציע, די ערשטע סאמע ריינע, סאמע היילינגע און דערי-בער די סאמע גערעכטע רעוואלוציע.

א רעוואלוציע, וואס הויבט נים קיין האנד אויף אנהר שונא.

זי שלאגט נים, זי מארדעט נים פּי-זיש דעם שונא. זי שלאגט איהם אבער זי מארדעט איהם אבער מאראליש.

און פון די מאראלישע שווערע קלעפּ ווערט דער שונא אויך פיזיש אפּגע-שוואכט.

ווארום יעדער אויסוואורף וויל האבען א בערעכטיגונג פאר זיין שלעכטער טאט ער מוז דאך אריינקומען כאטש אין פּעס בעת ער טוט עמיצען שלעכטס. גיט מען איהם נים די ראזינגע בערעכטיגונג, גיט מען איהם נים די געלעגענהייט צו ארייגפאלען אין רציחה, אויפט זיך נים אפילו ביים גרעסטען רשע די האנד צו טון רשעות.

אנ'איינפאכע רעוואלוציע, א רעוואלו-ציע פון ביקסען, שטיינער און רובינעם וואלט ענגלאנד אונטערדריקט אין א קורצער צייט.

מיט בלוט וואלט בענעצט געווארען די אינדישע ערד און עס וואלט שטיל געווארען אויף א צייט, אדער עס וואלט אויסגעבראכען א לאנגע בלוטיגע און אום גליקליכע מלחמה מיט פערברעכענס, וואס ווערען געהייליגט, מיט אכזריות, וואס ווערט העלדישקייט און מיט רציחה, וואס ווערט היילינגקייט.

אבער אזא רעוואלוציע ווי דער צדיק גאנדי פיהרט קען מען נים בעזיגען. מען קען זי נים אונטערדריקען.

א געוואלדיגען מאראלישען כח פער-מאגט די ראזינגע נייע רעוואלוציע און בלויז א גרעסערע מאראלישער כח

וועט זי קענען בעזיגען

———

גאנדי איז גוט בלויז א פּאליטישער פיהרער, גאנדי איז דער עיקר אנ'ער-ציהער פון א פאלק, ער איז א גרויסער לעהרער, ער איז א רבי, ער איז א דענ-קער, און גוט די פּאליטיק איז ביי איהם די מאראלישע דערהויבונג פון זיין פאלק אונס אין זיין לאנד; נים מענטשען פאר רעוואלוציע, נאר רעוואלוציע פאר מענשען.

ער האט אין ענגלאנד געלערנט. ער איז אין ענגלישן אוניווערזיטעט געוואַ-גען, דארט אוניזערע געזעצען געלערנט, געווארען אונזערער א אדוואקאט, ער האט זיך מיט ענגלאנד איינגעלעבט און מיט דער איראפּעאישער קולטור זיך אנגעזאפּט.

אבער דאס אלין האט איהם גערופען צו דערזעהן מיט אפענע אויגען דאס לעבען פון זיין לאנד און זיין פאלק.

איראפּא האט איהם געלערנט צו ווע-רען דער גרעסטער אינדישער פּאטריאט זי האט איהם נים אסימילירט, נאר פערקעהרט, זי האט אין איהם אויפגע-וועקט דאס אינדישע, דאס מיסטישע און דאס היילינגע עקשנות'דיגע.

אינ ער אוועק און איז געווארען איי-נער פון פאלק, איינער פון פאלק נים ווי די מליצה זאגט, נאר טאקע פּשוט. ער האט אנגעהויבען לעבען מיט'ן פאלק מיט זיין שפּייזער, מיט זיין וועלט-בע-געהמונג, מיט זיין רעליגיע און אפילו מיט זיינע האלב-ווילדע מנהגים.

און דא איז ער אויסגעוואקסען. דא איז זיין הײם, צווישען איינענע זענען זאפּטען צו איהם געקומען און געזעהן איהם און ער איז געוואקסען. ער איז געוואקסען און געווארען דער נביא פון אינדיען, דער פיהרער פון מיליאנען און דער מיליטערישער [illegible] אינ'ישער היינטיגער צייט אויף דער נאציאנער וועלט.

———:0:———

יודישע קונסט-אויסשטעלונג אין בערלין.

בערלין (יטא) די פערוואלטונג פון דער יודישער קהלה אין בערלין, האט בעשלאסען צו ארגאניזירען אן אויסשטעלונג פון די ווערק פון יודישע קונסטלער, וואס זאל געבען אנ'איבער-זיכט פון יודישען אנטייל אין דער מא-דערנער קונסטלערישער שאפונג

א קאפּעלע הומאר
ווערטלעך און שטעכווערטלעך

אט פארוואס.

זאגט מיר, ר' נעציל, ווי אזוי קענט איהר התונה מאכען אייער ריינשטעהן, ס'איז דאך גאר א קינד!

טאקע דערפאר, חאטש ס'וואלט נישט געווען קיין קינד, וואלט איך זי נישט חתונה געמאכט!...

* * *

איהר געבעט.

אלט מיידעל: איך בעט דיך, ליבער גאט, איך אליין פערלאנג גארנישט. איך בעט נאר פאר אין מאמע אנ'איידעם.

ארץ-ישראל-אינטערפּעלאציע אין ענגלישען פארלאמענט.

לאנדאן (יטא) אויף דער לעצטער זיצונג פון ענגלישען פארלאמענט האט רעפּ. האווארד-בורי אינטערוועניערט דעם קאלאניאל-מיניסטער צו ווערען אנגע-נומען שריט צו זיכערן פאר ענגלאנד בעשטעלונגען פאר די עלעקטריפיקאציע ארבייטען, וואס ווערען געפיהרט אין ארץ ישראל, כדי צו לינדערען די הער-שענדע ארבייטסלאזיגקייט. אין זיין רעדע האט האווארד בורי געמאכט דעם פארוואורף, דאס די בעשטעלונגען פאר דער עלעקטרישער סטאציע אין חיפה זענען געמאכט געווארען אין דייטשלאנד פון ענגלאנד, דאגעגען האט מען אפילו נישט ארויסגעפאדערט קיין אפערטען.

דעם. סעקרעטער חאל און דיוד קירקוואוד האבען אונטערשטיצט, צו איז מעגליך צו ווירקען אונדערעקט, אז עס זאלען אין די פאלען בעשטעלונגען ווערען ענגלישע אינדוסטריען, צווישען וועלכע עס איז פאראן פיל ארבייטס לאזע.

דער אונטערשטאאטס-סעקרעטער ד"ר שילס האט געענטפערט, אז אין דעם פאל האנדעלט זיך וועגען בעשטעלונגען פון א פּריוואטער פירמע. אין הסכם מיט'ן ארטיקעל 18 פון מאנדאט האט נישט די מאנדאט-מאכט דאס רעכט אויסצואיבען א דרוק, כדי צו בעגינסטי-גען די איינענע אינדוסטריע

סער הערבערט סעמיועל שטעלט דאן די פראגע: צי איז נישט קיין פאקט, אז די מעהרהייט פון די בעשטעלונגען ווערט געמאכט אין ענגלאנד? ד"ר שילס ענטפערט פאזיטיוו אויף דער פראגע.

———

עס קאכט מיט די תנאים פון באבאווער רבי'נ'ס טאכטער מיט א גבירישען חתן פון קראקא

חסידים פּאטשען זיך צוליב'ן שידוך. - איינע זאגען, אז ס'איז געווען א ליבע. די אנדערע מיינען, אז דער באבאווער האט געוואלט א גרויסען נדן. - רבי'שע איינקלער באיקאטירען די תנאים.

אין מערב-גאליציען קאכט נאך אלץ צוליב דעם סענסאציאנעלען שידוך פון באבאווער רבי'ן מיט ר' פּינחס סטעמפּעל פון קראקא. אין טארנאוו איז אזוי וועגען דעם געקומען צו א געשלעג צווי-שען באבאווער — בעלזער און אנדערע חסידים. אויך אין וויעליטשקא האט מען זיך גאר געשמאק געפּאטשט.

וועגען וואס האנדעלט זיך עס אין אט דעם היילינגען קאמף?

אין א בריוו פון קראקא צום „מאר-גען" ווערט דער ענין אזוי אויפגעק-לערט:

ערשטענס, וואס דעם באבאווער'ס מחותן, ר' פּינחס סטעמפּעל, וואלט אונבעדינגט קיין שום ראלע נישט גע-שפּילט אין קראקא, ווען נישט דאס, וואס ער האט א ריזיגען פערמעגען. דער עולם קען נישט פערשטעהן דאס איבער ריימען פון באבאווער רבי'ן זיין איינגע-פיהרטע טראדיציע. דער באבאווער, וועלכער האט זיך כסדר משדך געווען נאר מיט שטרענגע חסידישע רבי'ס אין רבנים, האט זיך איצט משדך געווען מיט א בעל-הבית, וועלכער איז ווייט פון חסידות. דער מחותן אליין איז זעהר עלעגאנט געקליידעט מיט א צוגעשוירען בערדעל, אויך זיין עלטערער זוהן (נאך נישט קיין חתן) איז א סטודענט. דעם מחותנ'ס א ברודער א בעקאנטער מזר-חיסטישער עסקן, אט אין דער עלעגאנ-טער סביבה קומט אריין א שנור איז א

„שטערן-טוכעל".

דאס אינטערעסאנטסטע דערביי זע-נען אבער די הלצות און ווערסיעס, צו-ליב וועלכע עס קאכט און מען פּאטשט זיך. אזוי געהט ארום א קלאנג, אז דער באבאווער האט זיך משדך גע-ווען נאר צוליב'ן געלד און אז דער מחותן ר' פּינחס סטעמפּעל זאל געבען נדן 25 טויזענד דאלאר. א צווייטע ווער-סיע, א מעהר פּיקאנטערע איז: אז אזוי ווי דער בחור איז א שעהנער חסיד'ל און ער איז געפאהרען כסדר 8 יאהר קיין באבאוו, וואו ער געוועזען מעהר ווי אין דער היים, האט ער ביי דעם רבי'נ'ס טעכטער „נושא חן" געווען. וועלכן שידוך מען האט גערעדט, האט זי ניט גע-וואלט

אויף דעם באדען קומען פאר די גרעסטע מחלוקת'ן, ווייל יעדער גיט אני-צורעדען, אז דאס איז געווען א „ליבע".

די באבאווער, וועלכע זענען בלינדע אנהענגער פון זייער רבי'ן האבען אויף די אלע הלצות נאר אויין ענטפער: „דער רבי ווייסט, וואס ער טוט". אנדערע חסידים אבער פיהרען מיט זיי וויכוחים און עס קומען פאר מחלוקת'ן און פּעטש

קיין באבאוו אויף די תנאים איז דאס מאל צוליב דעם סענסאציאנעלען כא-ראקטער געקומען א גאר גרויסער עולם פון קנאפּע 400 פּערזאן, משפּחה און חסידים.

א גרויסע סענסאציע האט עס צלט

אנגעוועקט ארויסגעוואָרפען דאס, וואס דער באבאווער רבי האט אין די תנאים איינגעשריבען א גרעסערן נדן, ווי דער גביר ר' פּינחס סטעמפּעל. אזוי האט דער באבאווער רבי איינגעשריבען, אז ער סילוק'ט „שש מאות דינרים" און דעם חתנ'ס צד נאר „א יבזין מאה'ת דנרים". דער עולם זאגט, אז דאס זאל זיין א קלוגער טריק פון באבאווער'ס רבי'נ'ס צד, וועלכער וויל אזוי ארום בע-ווייזען, אז ער האט נים געמיינט דעם געלד-שידוך, נאר דעם וואוילען בחור.

כאטש דער באבאווער רבי האט זיך בעמיהט, אז די תנאים זאלען דורך גאנץ גלאטיג און שטיל, איז דאס איהם געלונגען נאר טיילווייז. דעם פּרעמדען, וועלכער קען די פערהעלטנישען אין די רבי'שע הויפען דורך און דורך, האט זיך טאקע דער אנגעזעהענער „באיקאט" פון די רבי'שע איינקלער שטארק גע-האקט'ן אין די אויגען. מען שמועסט, אז ווי זאלען האבען די תנאים ספּעציעל באיקאטירט, דערפאר, וואס דער באבא-ווער רבי האט געבראכען די טראדיציע און זיך משדך געווען מיט א גביר, נים, ווי ביי אונז, מיט רבי'ס.

דער שידוך בכלל און די תנאים בפרט וועלען נאך גאנץ לאנג זיין א לעבעדיגע מעשה פאר אלע חסידישע קרייזען אין מערב-גאליציען.

———:0:———

לאדז 6 מאי 1930	דינסטאג, ח' אייר תר"ץ פ' אחרי וקדושים
זון אויפגאנג: 4.07	
זונאונטערגאנג: 7.—	

טאג-כראניק

אכטונג, פאבאראווע פון יאהרגאנג 1907.

מיר מאכען אויפמערקזאם, אז די פא־באר־קאמיסיע פאר'ן יאהרגאנג 1907 ג.ה פאר די, וואס האבען ביז איצט נענאסען פון „ארדאמשעניעס", אמ־טירט אויף אלעע קאמשעשוקי 21, אין גע־ניט ווי עס איז מתחילת געווען בע־שטימט — עוואנגעליצקא 5.

ראד-פערקעהר אין לאדז.

(א) אין 1929 זענען אין לאדז געווען רעגיסטרירט 833 פאסאזשיר־אויטאס, 210 האלב־לאסט אויטאמאבילען, 123 לאסט־אויטאס, 111 אויטאבוסען, 15 סאניטאר־אויטאס און 227 מאטאציק־לען. וועגענער, דראשקעס און געשפאן, דיסאר־וועגען, קארעטקעס און האנד־וועגעלעך זענען געווען רעגיסטרירט 2908.

פון לאדזער האנדעלס-געריכט

—:0:—

„נאדזאר" פון דער גרויסער קאנפעקציע-פירמע „מוריצי פראנקענשטיין" אין בזשעזשין

(5) אין לאדזער האנדעלס־געריכט איז איינגעפלאסען א בימע פון דער פירמע „מוריצי פראנקענשטיין" אין בזשעזשין וועגען פראלאנגירען איהרע צאהלונגען. די פירמע עקזיסטירט זינט דעם יאהר 1908 און פיהרט איינע פון די גרעסטע קאנפעקציע־אונטערנעמונגען אין פוילען. די צענטראלע און די אר־בייטס־ווארשטאטען פון דער פירמע גע־פינען זיך אין בזשעזשין. די פירמע בע־זיצט איהר סחור־לאגער אין פויזען. זי בעדינט מיט איהרע אויסארבייטונגען דעם פוילישען מארק און עקספארטירט איהרע סחורות קיין דענעמארק, ענג־לאנד און האלאנד. צוליב'ן הערשענדען קריזיס, דעם מאנגעל אין קרעדיט, דער געענדערטער קאניונקטור און צוליב דער איינגעשרומפענקייט פון דער קאנ־סומציע, ווי אויך צוליב די באנקראטען און געריכטס־אויפזיכטען פון איהרע אפנעמער, — געפינט זיך צייטווייליג די פירמע „מוריצי פראנקענשטיין" אין צאהלונגס־שוועריגקייטען. דער פליסי־גער קאפיטאל פון דער פירמע איז דע־נער פון די פערפליכטונגען אויף קנאפע 50.000 זל. און צורעכענענדיג דעם ווערט פון איהרע אומבעוועגליכע גיטער — העכער 200.000 זל דער בילאנס שליסט זיך מיט דער סומע פון 723,594 זל. דער איינגעגער קאפיטאל בעטרעפט 225.000 זל. די מאשינען, אומבעוועגלי־כע גיטער און איינריכטונגען בעטרעפען ביז 185.000 זל. די קורצטערמיניגע פערפליכטונגען פון דער פירמע בעטרע־פען 470,000 זל., אויף וואס זי בעזיצט אין די פליסיגע און האלב־פליסיגע אק־טיוועס 535.000 זל.

* * *

אין דעצעמבער 1929 האט ארייננע־טראגען א בימע וועגען פראלאנגירען איהרע צאהלונגען די פירמע „יאקוב און ווילהעלם לאסקאווסקי", וועלכע בע־זיצט א פאבריק פון טעקסטיל־אויכא־ביימונגען אויף קילינסקי נאס 70. דער סקלאד, פון דער פירמע געפינט זיך אויף פעטריקאווער 101. דער בילאנס פון דער פירמע האט אויסגעוויזען א סומע פון 700.000 זל די סומע האט דער עקספערט פערקלענערט אויף 600 טויזענד זל. דאס געריכט האט געהאט בעשטימט א „נאדזאר". איצט האט די פירמע דערלאנגט א בימע וועגען ערלוי־בען איהר צו פיהרען אונטערהאנדלונ־גען וועגען רעגולאציע. די בימע איז בע־שטעטיגט געווארען.

* * *

אין אפריל 1929 האט די פירמע „ג. מאשקאוויטש און וו. רעכמאן", טעקס־טיל־האנדעל אויף פעטריקאווער 36 און פעטריקאווער 42, בעקומען א „נאדזאר" — נאכ'ן טערמין פון געריכטס־אויפזיכט האט די פירמע פארגעלעגט די קרעדי־טארען א רעגולירונג אויף 70 פראצענט, בעצאהלען אין קווארטאל־ראטעס אין משך פון 2 יאהר. דאס געריכט האט איצט בעשטעטיגט דעם רעגולירונגס־אפמאך.

פאר 11 מיליאן זלאטיס

עקספארטירט לאדזער טעקסטיל סחורה אין ערשטען קווארטאל

(ב) לויט א סטאטיסטיק פון עקס־פארט־קאנטרבאנד פון דער פוילישער טעקסטיל־אינדוסטריע, זענען אין ער־שטען קווארטאל 1930 עקספארטירט גע־וואָ־ן פון לאדז קיין אויסלאנד 1221 טאן בוימוואל־סחורות, האלב־וואלענע און וואלענע ארטיקלען אין גאנצן אין דער ווערט פון 10 מיל אן 723,400 זל.

לאדזער פאבריקאנטען זוכי בעלנים אויף זייערע פאבריקען — אין בערלין

ווי ס'וועהט אוים די לאגע אין דער לאדזער אינדוסטריע, כאראקטעריזירט אנ'אנאנס און איינעם פון די לעצטע נומערען „בערלינער טאגעבלאט": א לאדזער פאבריקאנט אפערירט דארט די בערלינער פירמעס א פאבריק מיט אלע נויטיגע איינריכטונגען „אויף אויסערגע וועהנליך גוטע בעדינגונגען"

א פנים, מיט דער לאדזער אינדוס־טריע האלט ווירקליך גאר שמאל, אז מ'זוכט שוין אויף דעם „תבל" בעלנים אין דער פרעמד...

צייטען, בייטען זיך: ווי לאנג גאר, ווען די בערלינער האבען גענעבען אנאנסען אין די לאדזער צייטונגען, אני־בוטענדיג די לאדזער „מאגנאטען" הייזער און בערלין בחצי חנם! — צייטען בייטען זיך...

אויפגעברענט דעם חת' די אויגען

אין מאמענט, ווען ער איז אפויר פון הינטער דער חופה

זונטאג איז אין דארף גזשעגאזשעוו פארגעקומען א חונה פון סטניסלאוו אראמקעוויטש מיט מאריאנא פוליכ־נאווסקא אין מאמענט ווען דאס יונגע פארל איז ארוים פון קאשטשאל, איז צו אראמקעוויטש'ן צוגעלאפען זיין פרי־הערדיגע געליבטע העלענא יאנקאווסקא, וועלכע האט איהם אפגעגאסען מיט ווימריאל. זי איז ארעסטירט געווארען. אין א שווערען צושטאנד איז אראמקע־וויטש אפגעפיהרט געווארען אין שפי־טאל.

וואהל-יריד אין קאנסטאנטין

קאנסטאנטין (טעלעפאניש) קאנסטאנטין געפינט זיך שוין אין פייער פון די פארשטעהענדע וואהלען עס זענען שוין פערעפענטליכט געווא־רען די ערשטע וואהל־פעראָרדנונגען. ס וועלען געוועהלט ווערען 24 ראט־מענער. די וואהלען וועלען פארקומען דעם 39. מאי.

די יודיש־בירגערליכע פארטייען אין קאנסטאנטין געהן צו די וואהלען מיט א פעראייניגטע ליסטע.

—

וועגען דארף זיך היינט צושטע־לען צום פאבאר?

(§) היינט דעם 6־טען מאי דארפען זיך צושטעלען צו דער פאבאר־קאמיסיע נומער 1 (זאקאנטנא 82) די געבוירענע אין יאהר 1909 פון די 3. קאמיסאר־יאט און זייערע נעמען הויבען זיך אן מיט —

F D

פאר דער קאמיסיע נומער 2 (אג־אי־דאווא 34) דארפען שטעהן די געבוי־רענע אין 1909, וואס וואוינען אין 1־טן קאמיסאריאט און זייערע נעמען הויבען זיך אן מיט —

K

פאר דער קאמיסיע נומער 3 קאשטשוש ק' 21) דארפען שטעהן די געבוירענע אין 1907 (אדראמשעניעס) וואס וואוינען אין 1, 4, און 12. קאמיסאר־יאטען און זייערע נעמען הויבען זיך אן מיט „א" ביז „ז" איינשליסליך.

די פאבאר־קאמיסיעס הויבען אן אר־בייטען פון 8 פריה. די פאבאראווע מו־זען מיטנעמען זייערע פערזענליכע דא־קומענטען, אדראמשעניע - קארטען אדער בעשטעטיגונגען פון דער רעגיס־טראציע.

—:0:—

מיט א האק דער'הרג'עט א מענטש

גרוילענדער סוף פון „גוטע הומאר"

(ב) סטעפאן וויוויאס (באַקאָווא 31) איז זונטאג ביינאכט אהיימגעגאנגען פון א קנייפע צוזאמען מיט עטליכע פריינד פאר'ן טויער פון באַקאווא 8 האט וויוויאס געבעטען די חברים זיי זאלען געהן צו זיך שלאפען. זיי האבען איהם אפ געזאגט. וויוויאס ייזן דאן געבליבען שטעהן פאר'ן טויער, ווארטענדיג, ביז עמיצער וועט אנקומען און מיט איהם פערברענגען די רעשט פון דער נאכט. אין א פאר מינוט ארום זענען אנגעקו־מען 6 יונגעלייט, וועלכע ער האט פאר־געלעגט נעהן מיט איהם אהיים. איינער פון די גרופע איז געווען וויוויאס'עס א שונא. מחמת בייזע האבען זיי זיך אנו־מעלט געשלאגען צוליב א פרוי. יענער האט וויוויאס'ן נעגומען זידלען. דאס דאט וויוויאס'ן צורייצט און ער האט זיך געווארפען אויף די יונגעלייט מיט זיין שטעקען. עס איז געקומען צו א הלעמטונג געשלעגער. אנגעצויגענע האט די־יעצ' פון דער גרופע פון ערגעץ געבראכט א דאס, מיט וועלכער וויוויאס האט בע־קומען עטליכע שווערע קלעפ איבער'ן קאפ. דער קרבן איז אנגערערגעפאלען אנ אפגעשמאסענער אין בלוט. אין א פאר מינוט ארום איז ער געשטארבען. פאליציי איז שוין געקומען אויף די שפירען פון מערדער. דערווייל זענען ארעסט..ט גע־ווארען 3 פון די אנפאלער.

א צוריסענער מענטש

אויף דער באהן-ליניע.

(ב) נעכטען פארטאגס איז אויף דער באהן־ליניע ווידזעוו — פגרזשעיאוו אי־בערגעפאהרען געווארען דורך א פאסא־זשיר־צוג א מאנספיל פון לערך 60 יאהר, אהן שום דאקומענטען. עס איז נאך בע־וויזען געווארען, אז עס איז געשעהן א זעלבסטמארד. דער זעלבסטמערדער האט געטראגען א גראַנאט־אַ־ציג און א ווייסען גרויען פוליט־הוט.

נאכט-דיזשורען אין די אפטייקען

ס. עפשטיין, פעטריקאווער 225; מ. בארטשעווסקי, פעטריקאווער 95; מ. ראזענבלום, צגיעל נאס 12; גארפיין, וולטשאנסקא 54; י. קאַראַוסקי, גאווואַ־טיעסקא 15.

ראדיא פראגראם

ווערדי'ס דריי אקטיגע אפערע ווערט מען היינט הערען אין לאדזער ראדיא

לע פוילישע ראדיא־סטאציעס ווער־דען איבערשיקען פון פוילישען טעאַ־טער אין קאטאוויץ די 3. אקטיגע אפע־רע פון י. ווערדי „דער מאסקען באל".

דינסטאג, 6. מאי.

לאדז (233,8) 11.30—11.45 אינלענדישע פרע־סע־איבערזיכט (פ.א.ט.), 11.58—12.05 שעה־צייכען. 12,10—13.10 שול־ראדיא־פריהמארגען פון וואנדע טאטארקיעוויטש, געזאנג פערשידענע לידער, גרא־מאפאן־פליטען־קאנצערט, 13,10 מעטעאראלאגישער קאמוניקאט, —.15 „פליה רגע" (אינטערנאציאנא־לער פליה פון אוויאנעטקעס), 15.15 פארלעזונג פאר מאטורזשיסטען II טייל א. ט. „די פוילישע פרא־גע בעת דער וועלט־מלחמה" פון פראפ. ח. מאשטשלצקי (טראנסמ. פון ווארשא). 15.35 פאר־לעזונג פאר מאטורזשיסטען III טייל. א. ט. „דאס נייצייטיגע פוילען" פון פראפ. אל. יאנאווסקי (טראנסמ. פון ווארשא), 17.15—17.40 געאגראפיש־ווירטשאפטליכע איבערזיכט (טראנסמ. פון ווארשא) 17.45 נאכמיטאג־קאנצערט (טראנסמ. פון ווארשא). 18.45 פערשידענעס (לאדזער), 19.10 ווירטשאפטלי־כער קאמוניקאט, 19.20 אפערע טראנסמיסיע פון פוילישען טעאטער אין קאטאוויץ, ראדיא פרעסע, וועטער, פאליציי און ספארט־בעריכטען, פ. א. ט. בעריכט. טראנסמיסיעס פון אויסלענדישע סטאציעס.

אויסלענדישער ראדיא-פראגראם.

בודאפעסט (550) 19.30 טראנסמיסיע פון דער קעניגליכער אפערע „גיאקאנדא" (אפערע).

וויען (517) —.20 פידעל־רעציטאל פון נאטאן מילשטיין:

קעניגסבערג (276) 20.35 „ליבער אויגוסטין" (אפערעטע).

פראנקפורט (390) „דער יאר ויס" (הערשפיל),

בערלין (418) 21.20 פידעל־רעציטאל פון שיגעטי

לייפציג (259) 21.20 „דער מאגנעטישער פאל" (הערשפיל).

אנשטעקענדיגע קראנקהייטען

(מ) לעצטע וואך זענען אין לאדז פערצייכענט געווארען 114 פאלען פון אנשטעקענדע קראנקהייטען, און דער פארלעצטע וואך זענען נאטירט געווא־רען 149 קראנקהייטס־פאלען.

קאנקורס אויף נייע בוי-ארבייטען אין „פאלעשיע"

(מ) אין די נאהענטסטע טעג וועט דער מאגיסטראט פערעפענטליכען א קאנקורס אויף צו פערגעבען די אר־בייטען ביים בוי פון 6 שטאטישע וואוי־נונגס־הייזער אין „פאלעשיע". די נאַי־אינסטאלאציע אין די 6 הייזער וועט דורכגעפיהרט ווערען דורך דער שטאַ־טישער גאזאווניע.

פערקויפטע נשמות

שפאנענדער ראמאן

(42 פארטזעצונג)

יעדענפאלס איז ער געווען אויפ'ן וועג פון דער געהיימ־ניספולער טרומנע, וועגען וועלכער מען האט אזויפיל דער־צעהלט.

דאס ליכט איז פערשוואונדען געווארען. א טויט־שטיל־קייט האט ארומגענומען דאס ארט, וואו ברייטשייד איז פער־זונקען געווארען.

אלין ארום איז געווען אזוי רוהיג, דעם מינדעסטען רוהר האט מען נישט געהערט, א חוץ די טראפענס וואסער, וואס זענען געפאלען פון די רוימען אויף דער ערד.

איז ברייטשייד באמת געפאלען א קרבן דורך א פינס־טערע האנד, איז ער פאקטיש געלעגען א צושמעטערטער ערגיץ אין א טיפען תהום?

— — — — — — — — — — — — — —

א ווילדער איז „פלעדערמויז" שנעל געלאפען דורך די קארידארען. דא איז געווען א סך שרעקליכער און מורא'די־גער, ווי אין די פאריגע קארידארען, ווייל אומעטום זענען געלעגען שטיקער מענשען־קערפערס.

אויף יעדען טריט און שריט זענען געלעגען מענשליכע ביינער. דא האט ער געמוזט שפרינגען איבער טרומנעס, וועלכע זענען אונטער זיינע שווערע טריט זיך צופאלען אויף שטוקלעך.

עטליכע שעה האט געדויערט זיין וואנדערן און בלאנ־דזשען, ביז ער איז צוגעקומען צום קארידאר, וואס איז גע־ווען אונטערגעשפארט מיט גראבע סלופעס.

פלעדערמויז האט זיך אפגעשטעלט.

אוועקשטעלענדיג דאס לאמטערנדעל אויף דער ערד, האט ער אוועקגעשארט א קופע שטיינדעלעך, וואס האבען פערשטעלט דעם פערבארגענעם אריינגאנג.

אויף אלע פיר איז ער געקראכען, רוקענדיג דאס לאמ־טערנדעל פאראוים, איבער די טרעפען, ביז ער האט בע־מערקט א שטיינערנע צודק, וועלכע ער האט פאמעליך אוועק־גערוקט אן א זייט.

פלעדערמויז האט זיך געפונען אין די געהיימניספולע קברים.

— ענדליך, ענדליך האב איך דערגרייכט מיין ציל — האט ער געברומט צו זיך אין דער שטיל.

ער האט גענומען דעם אייזערנעם דראנג, וואס ער האט מיטגעבראכט מיט זיך, קוקענדיג דערווייל אויף דער טרומ־נע, וועלכע איז געשטאנען אויף אנ'אייזערנער דעק.

— דא ליגט דער בריליאנטענער אוצר — האט דער באנדיט געשעפטשעט — יעצט צו דער ארבייט! די טויטע וועלען מיר זיכער נישט שטערען — פאראוים, דארט ליגט דער גרויסער אוצר!

ער האט גענומען דאס שארפע אייזען און אריינגעזעצט אין די שפארעס, וואו די פערראסטעטע שרויפען האבען אויסגעקוקט צו זיין גאנץ לויז. ער האט געארבייט מיט גרוים אנשטרענגונג, עפים האט זיך דערהערט א טרוקענער קנאק— די צודעק פון דער טרומנע האט זיך אנגעהויבען אוועקבויגען.

ער האט נאך אמאל מיט דער גאנצער שווערקייט פון זיין קערפער זיך ארויפגעלייגט אויף דעם אייזערנעם דראנג'

— אבער וואס זאל עס בעדייטען? ! — ער איז אבגע־שפרונגען אין א זייט און א קאלטער שווייס איז ארוים אויף זיין שטערען — זענען עס שדים?

די טרומנע האט זיך אנגעהויבען בעוועגען, ניין, נישט די טרומנע, נאר דער באדעם האט זיך געריהרט. פלעדער־מויז איז געבליבען שטעהן, ווי פערגליווערט — ער איז גע־ווען שטארק איבערגעשראקען. פאמעליך דאט זיך דער בא־דעם אויפגעהויבען און דערנאך די גאנצע טרומנע, און וועל־כער עס האט זיך געפינען דער לאנג־געזוכטער אוצר.

קאפיטער 21.

דאס געהיימניספולע וואנדערן.

ביינאכט, טיף אונטער דער ערד, האט זיך עפים א רוהר נטון דאס איז געווען א מאנספערשוין, וואס האט זיך פא־מעליך אויפגעהויבען, א מאנספערשוין, וואס די פינסטערע שווארצע נאכט האט ארומגערינגעלט און א פרעמד אונבע־קאנט ארט.

דאס איז ברייטשייד געקומען צו זיך — ער איז געווען ביים פולען בעוואוסטזיין און זיך גוט געפיהלט.

ער האט זיך דערמאהנט די לעצטע געשעהענישען, אין קאפ האט זיך איהם עפים געפלאנטערט און געדרעהט. עס האט זיך געדוכט, אז פאלענדיג האט ער זיך צוריסען דאס גאנצע אנגעטועכץ אויף פיצלעך, ער האט זיך געפיהלט אונ־טער די הענד. דערנאך האט ער געמוזט פאלען אויף א קופע ערד, אויב נישט, וואלט ער זיך זיכער צושמעטערט דעם מוח. ער האט מיט די הענד נעטאפט ארום זיך: עס זענען געלע־גען ביינער, מענשליכע אברים. ער האט זיך פרובירט אויפ־הויבען, ביז ער האט זיך אויפגעשטעלט, זיך אויסגעגלייכט און געגאנגען עטליכע טריט פאראוים. עס האבען איהם וועה געטון אלע אברים, ער איז אבער נישט געווען צושעדיגט. דערנעבער האט ער זיך זעהר שטארק געפרעהט.

— אבער ווי אזוי קריגט מען זיך ארוים פון דאנען. ברייטשייד האט געפרובט געהן פאראוים. ער האט בעמערקט אז דער רוים איז נישט קיין גרויסער, ווייל ארום האט ער מיט די הענד אנגעטאפט די קאלטע, נאסע ווענד.

דער יונגער רויבער־הערשער איז געווען זעלטען דרייסט, פונדעסטוועגען איז א שוידער איהם ארויך, ווען ער האט זיך דערמאנט, אז עס קאן איהם אויסקומען דא צו שטארבען פון הונגער און דורשט עם איז נישט געווען קיין אויסגאנג די ווענד זענען געווען שיפע און גלומשיגע, אזוי אז עס האט קיין רייד נישט געקאנט זיין וועגען ארויסקריכען זיך.

די שרעק האט אבער ביי איהם לאנג נישט אנגעהאל־טען. ער האט געהאט אנ'איינערנעם ווילען און נישט פער־לוירען די האפנונג, אז עס וועט איהם געלונגען זיך צו בע־פרייען.

פלוצלינג האט ער איינגעהאלטען דעם אטעם, און זיך אונטערגעהארכט.

עס האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז עמיצער בעוועגט זיך נעבען איהם.

עס איז ווידער שטיל געווארען. ברייטשייד האט זיך אנגערערגעלייגט אויף דער פארלאגע, טאפענדיג ארום מיט די הענד: — ער האט דערפיהלט עפים א שמאל לאך, וואו מען האט דרייסט זיך געקאנט בעהאלטען.

ברייטשייד איז אריינגעקראכען אינעווייניג, ווייסענדיג, אז ער איז פערלוירען, אויב ער וועט נישט געפינען קיין אויסוועג.

דאס איז געווען א שרעקליכער וועג, ווייל אין עטליכע מינוט ארום האט שוין ברייטשייד אנגעהויבען בלאנדזשען און איז געבליבען שטעהן אויף איין ארט.

ער האט געמיינט, אז ער געפינט זיך ווידער אין די קוימענס פון קעניגליכען שלאס. ער האט אנגעווענדעט די לעצטע כחות און מיט ערפאלג. די שמאלע רוירען האבען זיך אנגעהויבען צו צושפרייטען, און ער האט זיך אנגעהוי־בען וואס שנעלער צו בעוועגען: פרישע לופט איז אויך צו־געקומען פון רגע.

ווי לאנג ער איז אזוי געקראכען, האט ער אליין נישט געוואוסט צוריקקעהרען איז געווען אונמעגליך. עס איז נאך געבליבען איינס: נעהען פאראוים, דער פערלוירען געהן אין דעם דאזיגען שמאלען אדורכגאנג. ער האט געפיהלט, אז די כחות פערלאזען איהם. אין דעם האט זיך דער קארידאר פונאנדערגעשפרייט. ער האט זיך שוין אפילו געקאנט אויס־שטעלען און אויסגלייכען און צום סוף האט ער בעמערקט אויך טרעפען.

(פארטזעצונג קומט)

ווירטשאפטליכער איבער-ראט ביים יוד. „קאלא" פאדערט צו שאפן דער לאדזער צענטער. סוחרים-פעראיין

אלגעמיינע מיטגלידער-פערזאמלונג פון צענטראלען סוחרים-פעראיין (פיעטריקאווער 10)

(:) ווי מיר האבען שוין געמעלדען קורץ געמאלדען, איז זונטאג אווענד פארגעקומען די אלגעמיינע יעהרליכע פערזאמלונג פון צענטראלען סוחרים-פעראיין (פיעטריק. 10).

ארום 7 אווענד עפענט פרעזעס ע. האמבורסקי די פערזאמלונג און לעגט פאר צו בעעהרען מיט אויפשטעהן פון די ערטער די פערשטארבענע מיטגלידער ר' סענדער דושקין, א. י. אסטראווסקי, הענריך, דינין און קומעלפעלד. אלס פארזיצענדער פון דער פרזאמלונג ווערט דאן איינשטימיג געוועהלט ראטמאן י. מ. ביאלער, וועלכער לאדט איין אלס אסעסארען די ה"ה: גוימאן, ראזענבוים, בעראוויטש און אלס סעקרעטאר ה' ביסטער.

נאכדעם ווי ה' שווארצמאן לייענט דעם פראטאקאל פון דער פאר-א-יאהריגער גענ.-פערזאמלונג גיט דיר. ד"ר מעסינגער אפ דעם טעטיגקייטס-בעריכט פאר'ן פערגאנגענעם יאהר פון בעריכט איז צו זעהן, אז דער פעראיין, נישט קוקענדיג אויף די פינאנציעלע שווערינקייטען, איז געשטאנען אויף דער וואך ביים פערטיידיגען די מיטגלידער אין שווערען קריזיס-יאהר. אין דער ערשטער ריי, האט דער פעראיין געווענדעט די אויפמערקזאמקייט צו פערלייכטערען די גרויסע שטייער-לאסטען. דאס בעווייזט די גרויסע צאהל מעמאריאלען צו דער שטייער-מאכט וועגען ענדערען דעם ביז איצטיגען שטייער-סיסטעם, וועלכער רואינירט דעם סוחר'טום אויף די אפטע

אינטערווענצען פאר די מיטגלידער

האבען אין א סך פאלען געהאט דעם געוואונשענעם ערפאלג.

דער פעראיין האט גענומען א לעבעדיגען אנטייל אין די ארבייטען פון דער האנדעלס-קאמער, וועלכען דער פעראיין האט געגעבען אין פיל פאלען אינציאטיוו.

כדי צו קענען פערטיידיגען די מיטגלידער, האט זיך דער פעראיין בעמיהט צו בעקומען פערטרעטער אין אלע פינאנץ-אמטען אפילו אין די אמטען, וואו דער פעראיין האט ביז איצט נישט געהאט אוהרע פערטרעטער. ביים היינטיגען טאג, איז דער צענטער. סוחרים-פעראיין, א חוץ אין די שאצונגס-קאמיסיעס, אויך פערטרעטען אין אלע אפעלאציע-קאמיסיעס פון אימזאץ- און הכנסה-שטייער. אין דער האנדעלס-קאמער האט דער פעראיין 4 ראטמענער אין האנדעלס-געריכט — 2 רעפרעזענטאנטען, און ארבייטס-געריכט — דריי ריכטער.

ביים פעראיין איז אויך טעטיג אנ'אפטיילונג פאר

קרעדיט-שוץ,

וועלכער ערלעדיגט אלע ארט ענינים אויף דעם דאזיגען געביט.

די יורידישע אפטיילונג, אונטער דער לייטונג פון אנ'אדוואקאט, ערטיילט אלע ארט יורידישע עצות פאר די פעראיינס-מיטגלידער. אויך די שוידס-געריכט קאמיסיע ארבייט אינטענסיוו.

אין ליכט פון ציפערן

שטעלט זיך פאר די טעטיגקייט פאר'ן פערגאנגענעם יאהר אויף פאלגענדען אופן:

ביטעס און מעמאריאלען — 4255. אינפארמאציעס זענען געגעבן געווארען 20 000. אינטערווענצען אין דער פינאנץ-קאמער און אין די 12 פינאנץ-אמטען — אנ'ערך פון 4500.

צום סוף בעמערקט דער בעריכט געבער, אז א סך פונקטען פון ארבייטס-פראגראם, זענען צוליב געלד-מאנגעל נישט אויסגעפיהרט געווארען, מ'האפט אבער, אז אין קומענדיגען יאהר, וועלען די נישט-אויסגעפיהרטע פונקטען רעאליזירט ווערען לטובת די מיטגלידער.

נאך דעם טעטיגקייטס-בעריכט ווערט פארגעלעזען דער פראטאקאל פון דער רעוויזיר-קאמיסיע. ביידע: אי דער בעריכט אי דער פראטאקאל פון דער רעוו. קאמיסיע, ווערען אנגענומען. דאגיגען דער אנגעצייכענטער ארבייטס-פראגראם פאר דער קומענדיגער פערוואלטונג, און דער פרעלימינאר-בודזשעט פאר'ן יאהר 1930 רופט ארויס דעבאטען. אין דער דיסקוסיע בעטייליגען זיך א גאנצע רייה רעדנער.

ה' יאשונסקי ווארפט פאר די מיטגלידער פון דער מאנופאקטור-סעקציע, אז זיי האבען זיך בעצויגען אפאטיש, און זענען נישט געקומען צו די זיצונגען, צוליב וואס די בראנזשע האט א סך געליטען.

ה' שמאלעוויטש איז געגען „שתדלנות-פאליטיק" און פאדערט אויף די קומענדיגע פערוואלטונג, אז א חוץ מיט די אוזשענדעס, זאל דער פעראיין בעקעמפען די צערייצטע

אפעטיטען פון דער קהלה,

וועלכע האט זיך אויסגעלערנט צו רייסען עטאט-שטייער נישט ערגער פון „אוזשאנד".

נאך דעם ווי ס'רעדען נאך די ה"ה: נעראסלאווסקי, סקאסאווסקי, קאראטשונסקי און זאלין, וואס קריטיקירען און פערטיידיגען די פערוואלטונג, בעקומט דאס ווארט אינזש. ג. פראשקער. ארומרעדענדיג די לאגע פון סוחר'טום און דעם ווירטשאפטליכען קריזיס, טראגט ער ארויס א פארשלאג, זיך ווענדען צום יוד. „קאלא", וואס גילבער צוזאמענצורופען א

ווירטשאפטליכן איבער-ראט,

וועלכער זאל שיצען די אינטערעסען פון סוחר'טום די ניי-געוועהלטע פערוואלטונג זאל אונטערנעמען די איניציאטיוו אין דער הינזיכט. דעם פארשלאג מאטיווירט דער רעדנער דערמיט, וואס נאר ד יידישע „קאלא", וועלכע איז פריי פון פריוישע קנעכטשאפט. איז אימשטאנד אזא איבער-ראט צו שאפען. אלס בעווייז קען דינען, דער אלגעמיינער פראטעסט-טאג געגען די הויכע שטייערן, וואס איז פראקלאמירט געווארען פון יוד. „קאלא". דער פארשלאג ווערט אנגענומען איינשטימיג.

אין נאמען פון דער פערוואלטונג, ענטפערט ה' מארין ביאלער אפ אויף דער קריטיק פון די פריהערדיגע רעדנער. ער ווייזט אן אויף דער

אפאטיע פון די סוחרים

צו זייערע ארגאניזאציעס. זיי אינטערעסירען זיך נישט מיט די לעבענס-אינטערעסען, בפרט דער יודישער סוחר איז דער שווערסטער עלעמענט צו אריגאניזירען. ער פאדערט אויף די מיטגלידער זיך מעהר צו פעראינטערעסירען מיט'ן פעראיין. רעארגאניזירען די סעקציעס. דער רעדנער שטרייכט אונטער, אז די פערוואלטונג האט מוטיג און עהרליך פערטיידיגט די אינטערעסען פון די מיטגלידער.

דאס ווארט בעקומט דאן ה' מאטס גארדאן, וועלכער רעפערירט דעם

פרעלימינאר-בודזשעט

פאר'ן יאהר 1930. די לאגע פון פעראיין, זאגט דער רעדנער, איז איצט בעסער ווי פאר-א-יאהרען, בעת'ן איבערנעמען דעם פעראיין דורך דער איצטיגער פערוואלטונג די פערוואלטונג האט א גאנץ יאהר געארבייט מיט קאלאסאלע פינאנציעלע שוועריגקייטען. דער שווערער קריזיס האט געהאמעויעט די ארבייט פון דער פערוואלטונג. די פערוואלטונגס-מיטגלידער, אפשאצענדיג די לאגע, האט אליין אויף זיך גענומען די מיסיע פון אינקאסירען, איינמאהנענדיג דעם מיטגלידס-בייטראג בוו די מיטגלידער. כדי צו שאפען די נייטיגע פינאנציעלע מיטלען. ער מאטיווירט, פאר וואס די פערוואלטונג איז געצוואונגען געוועזן צו קירצען דעם בודזשעט אויף 30 פראצענט. מיט דעם געקירצ-טען בודזשעט איז די עקזיסטענץ א געזיכערטע. בעסער גרויסע הכנסות און קלענערע הוצאות, ווי גרויסע הוצאות און קליינע הכנסות. מיט א שווער הארץ, זאגט ה' ג. האבען מיר רעדוצירט די פענסיעס פון אונזערע אנגעשטעלטע מיט 25 פראצענט. דאס פערסאנאל האט פערשטאנען די געשאפענע לאגע און מסכים געווען צו דער רעדוקציע.

ארום בודזשעט ענטוויקעלט זיך

א דיסקוסיע

ס'רעדען פאר און געגען די ה"ה: פאזינערזאהן, יאשונסקי און אנדערע. צום כוף ווערט דער בודזשעט אנגענומען

מצד די פערזאמלטע ווערט דאן איינגעטראגען א פארשלאג: אויסצודריקען א דאנק דער פערוואלטונג פאר איהר אינטענסיווער ארבייט לטובת די מיטגלידער. דער פארשלאג ווערט אנגענומען מיט א גרויסער מעהרהייט שטימען.

נאך דעם, ווי די וואהל-קאמיסיע א.ז צוזעמעטטען צום צעהלען די שטימען (דעם רעזולטאט פון די וואהלען האבען מיר געבראכט און אונזער נעכטיגער צייטונג), זענען אריינגעטראגען געווארען א גאנצע רייה פריוועט פארשלאגען צו דער ניי-געוועהלטער פערוואלטונג.

ארום 12 ביינאכט שליסט דער פארזיצענדער ראטמאן י. מ. ביאלער די פערזאמלונג.

לאדזער קלייניגקייטען.

קלאפאטען פון א היגען סוחרים-פעראיין

אין איינעם פון די היגע סוחרים-פעראיינען האלט איצט פאר א גענעראל-פערזאמלונג. האט די פערוואלטונג — שטיצענדיג זיך אויף א פונקט פון אוסטאוו — צוגעשיקט צו די מיטגלידער איינלאדונגען מיט דער בעמערקונג, אז פארשלאגען צו דער גענעראל-פערזאמלונג, דארפען זיי צושיקען 14 טעג פאר דער גענעראל-פערזאמלונג.

איינער פון די מיטגלידער, ווייזט אויס, א ליץ, האט טאקע צוגעשיקט אזא פארשלאג:

„איך לעג פאר, אז קאנדידאטען צו דער נייער פערוואלטונג, וואס האבען „גאדזארען", אדער „אופאדלאשטשען" זאלען נישט טארען קאנדידירען צו דער נייער פערוואלטונג".

— הא? וואס איז דאס טארע פארשלאג? — זענען די פערוואלטונגס-מיטגלידער ארויס פון די כלים, — וואס הייסט? אויב אזוי, קומט דאך אויס, מ'זאל שליסען דעם פעראיין. ווי נעמט מען היינט א סוחר אהן א „גאדזאר"? סיידען אימפארטירען קאנדידאטען מחוץ לארץ.

האט די פערוואלטונג גערופען א ספעציעלע אסיפה: וואס טוט מען מיט דעם חוצפה'דיגען פארשלאג. וואס? און ס'איז געבליבען בהסכם כולם, דעם פארשלאג אפצווארפען. דאגעגען, האט די פערוואלטונג דעם פארשלאג-געבער אפגעטאן אויף טערקיש, און אנגענומען א געגען-פארשלאג, דהיינו? אז מיטגלידער, וואס האבען נאך ביז היינט נישט בעוקמען קיין „גאדזאר", זענען זיי גרויסע שלימזלען, און גרויסע לא יצלח'ס דערצו, דערזיבער... דערזיבער... זאלען די אלע „נאדזארנלאזע" מיטגלידער נישט קענען קאנדידירען צו דער נייער פערוואלטונג.

ווי די פערוואלטונג פערזיכערט, וועלען אבער אלע מיטגלידער יא קענען קאנדידירען צו דער נייער פערוואלטונג...

-ושאו-

א זוהן קלאגט אז זיין 80-יעהריגער פאטער איז גנבה

אין טאג פון פראצעס האט דער אלטער תרח חתונה מיט א 22-יעהריג מיידעל

(§) אין לאדזער שטאט-געריכט איז נעכטען פארגעקומען א משוקאווער פראצעס.

דער 80-יעהריגער ווילהעלם קיעשאנסקי איז אנגעקלאגט געווארען נישט דורך קיין אנדערן, ווי דורך זיין איגענעם זוהן און צו'גנב'ענען ביי איהם א שוסטער שפילעט אין ווערט פון 5 זל. דער פראצעס איז שוין פארגעקומען צוויי מאל, אבער נישט דער אנגעקלאגטער און נישט דער אנקלאגער האבען זיך נישט געשטעלט אין געריכט. דאס געריכט האט דערום פער'משפט צו 50 זל. שטראף יעדען.

נעכטען איז אין געריכט געקומען נאר דער אנקלאגער, ד. ה. דער זוהן. דער 80-יעהריגער פאטער איז נישט געקומען, ווייל אקוראט נעכטען האט ער חתונה געהאט מיט א 22-יעהריגע „פאנינקע".

דער ריכטער האט דעם פראצעס אנולירט און די 50 זל. שטראף פאר'ן פאטער זענען געשאנקען געווארען. די 50 זל. שטראף פון זוהן וועלען איינגעמאהנט ווערען.

א מאן ווארפט ארויס זיין ווייב דורכ'ן פענסטער

די אונגליקליכע פרוי האט צובראכען ביידע פיס

(§) נעכטען פריה איז אויף יארלאווא 10 (באלוט) פארגעקומען א שרעקליכע רציחה. דער ברוטאלער ארבייטער וולאדיסלאוו לוקאשיאק האט ארויסגעווארפען זיין ווייב פראנטשישקא דורכ'ן פענסטער פון 1. שטאק. די ארויסגעווארפענע פאגאטאווע האט דעם קרבן געפונען ליגען אויפ'ן ברוק אין די נאכט וועש און א קאלושע בלוט.

די אויספארשונג האט בעוויזען, אז די לוקאשיאק'ס לעבען נישט בשלום במשך פון די גאנצע צעהן יאהר נאך דער חתונה. זונטאג זענען זיי געוועזן און לאגעוונוק אויף א פערוויילונג. און אווענד זענען זיי אהיימגעקומען. ער איז געווען שכור און האט אנגעהויבען אנ'אוואנטורע. און דער פרוי האט ער בענעמט די אוואנטורע און ביי דער געלעגנהייט ארויסגעווארפען דאס ווייב דורכ'ן פענסטער ביי איהר זענען צובראכען געווארען ביידע פיס. ער האט זי אויך געדראהט צו שעכטען מיט א גאלמעסער.

טיילווייזע אויפלעבונג אין מאנופאקטור-מסחר

מען פערקויפט געשמאק זומער-ארטיקלען, אבער נאר פאר מזומן

היינטיגע וואך זעהט זיך אין לאדז א בעדייטענדע אויפלעבונג אין דער מאנופאקטור-בראנזשע. עס קומען פיל סוחרים פון דער פראווינץ. עס איז א הויפשע נאכפראגע אויף זומער-ארטיקלען. מען פערקויפט כמעט בלויז פאר מזומן. די פראווינץ קויפט כמעט אויסשליסליך ביליגע ארטיקלען, פיל קאפ-טיכלעך און קליידער-שטאפען.

אויך אין איינצעל פערקויף איז א לעבהאפטער פערקעהר. אין די האלעס זעהט מען שוין ברוך-השם, א נראשען לייזונג. סוחרים שוויצען מאקע אביסעל אונטער, דערפאר האבען זיי שוין א מאל אזוי פיל צייט צו דרעמלען און גענעצען אין דער דערווארטונג אויף א קונה.

אנ'אויפלעבונג פיהלט זיך אויך אין דער זאקען-אינדוסטריע.

הלואי אויף לאנגע יאהר!

א סוחר פער'משפט פאר פאסער'יי אויף א האלב יאהר תפיסה

(§) אנ'אנגעזעהענער סוחר פון אלעקסאנדער, שלמה א. איז נעכטען געזעסען אויף דער בעשולדיגונגס-באנק פון לאדזער שטאט-געריכט אלס אנגעקלאגטער אין פאסערי.

דעם 12. דעצעמבער פ. י. האט דער שותף פון דער פירמע „ברידער זלאטאווסקי" פון אזארקאוו דערהאלטען פון פאבריק א טראנספארט סחורה. די סחורה איז אנגעשטעלט געווארען אין הויז לופאווא 64, און איז געבליבען אונטער דער השגחה פון איינעם וואזשניאק. אין א פאר מינוט ארום איז צו וואזשניאק'ן געקומען א פיין-געקליידעטער יונגערמאן מיט א צעטעל פון זלאטאווסקי'ן, אז ער זאל איהם ארויסגעבען א פאר שטיק סחורה. דער צעטעל איז געווען א געפעלשטער, אבער וואזשניאק האט זיך נישט געכאפט דערין און ארויסגעגעבען סחורה פאר 1800 זל. נאך זלאטאווסקי'ס צוריקקומען קיין לאדז, האט זיך ארויסגעוויזען דער שווינדעל. די אונטערגענומענע אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז די געגנב'עטע סחורה געפינט זיך ביים אלעקסאנדער סוחר, וועלכער האט ערקלערט, אז די סחורה האט ער געקויפט ביי א געוויסען וועבער לוטשאק, אבער אזא פערשוין איז אין ערגיץ נישט געפונען געווארען. ער איז פער'משפט געווארען אויף א יאהר תפיסה פאר פאסערי.

שיסעריי אויף א שמוגלער פון טאבאק

(ב) פאליציי האט זיך דערוואוסט, אז הינטער וויעלון געפינט זיך א געפעהרליכער טאבאק-שמוגלער פון דייטשלאנד, וולאדיסלאוו משופרויש משופרוש'ן איז ביי אלע אפלאוועס נישט געלונגען צו כאפען. נעכטען, ווען משופרויש האט צוזאמען מיט עטליכע פערזאן געשמוגעלט דייטשען טאבאק, איז ארומגערינגעלט געווארען. משופרויש האט אנגעהויבען צו אנטלויפען. פאליציי האט איהם נאכגעשאסען און מען האט איהם געכאפט. מען האט איהם גענומען געבראכט קיין לאדז מיט 80 קילא רייכעשען טאבאק.

רעגיסטראציע פאר ארבייטסלאזע

וועלכע האבען איז מערץ פערלוירען די שטיצע

(פ) דער מאגיסטראט האט נעכטען שוין אנגעהויבען די רעגיסטראציע פון די ארבייטסלאזע, וועלכע האבען בעקומען דורכגענגעדע שטיצע ביז מערץ. איצט וועלען זיי בעקומען אויך שטיצע פאר אפריל. די רעגיסטראציע קומט פאר אויף פאמארסקא 18. זי וועט דויערן 3 טעג. די ארבייטסלאזע מוזען פארשטעלען א פאס און אנ'ארבייטסלאזען-ביכעל מיט דעם צייכען, אז זיי האבען בעקומען שטיצע פאר מערץ.

טושינער מאגיסטראט גיט אוועק אומזיסטע פלעצער

אויף צו בויען פאבריקען

(וו) דער טושינער שטאט-ראט האט אויף זיין לעצטער זיצונג בעשלאסען צו אידוסטריאליזירען די שטאט טושין צו דעם צוועק איז דער מאגיסטראט בעפולמעכטיגט געווארען אפצוגעבען פאר די אינדוסטריעלער אומזיסטע פלעצער אויף אויסצובויען אין טושין אינדוסטריע-אונטערנעמונגען.

א לאדזער פאבריקאנט האט שוין אונטערגענומען שריט, כדי אויסצונוצען די געלעגענהייט.

דער לאדזער ליטעראטור-פריז

וועט דעם לאורעט איבערגעגעבען ווערען דורך א ספעציעלען שליח

(כ) דער לאדזער מאגיסטראט שיקט ארויס קיין בערלין א ספעציעלען שליח, כדי דארט איבערצוגעבען דעם לאדזער לאורעאט פראפ. א. ברוקנער די חגיגה יאהריגע ליטעראטור-פרעמיע פון לאדז. דער אקט פון איבערגעבען דעם דיפלאם און דעם משק וועט פארקומען אין פוילישען קאנסולאט אין בערלין.

טעאטער און קונסט

העברעאישע פארשטעלונג אין קאמעראל-טעאטער

צום ערשטען ארויסטריט פון דער העברעאישער סטודיע ביי „ווינא" מיט דריי יאהר צוריק איז זיך צוזאמענגעקומען א קליינע גרופע אינטעליגענטע ארבייטענדע יוגענד, וועלכע האט אויסער ליבע צו דער העברעאישער שפראך און לוסט צו דער בוהנע-קונסט גאר נישט פערמאגט.

זייער צוועק איז געווען צו שאפען א העברעאישע „סטודיע" אין אונזער שטאט. דריי יאהר נאך אנאנד האט די קליינע גרופע ליבהאבער פון דער העברעאישער בימה אהן אויפהער געארבייט און געלערנט, אמאל מיט דער הילף פון קוואליפיצירטע, בעקאנטע רעזשיסערען, ווי פרוי בערנשטיין-כהן און אברולא, אבער דאס רוב גאר אהן א פיהרונג'ער האנד.

גלייכצייטיג מיט'ן שטודירען די שעבינישע זייט, האבען זיי געלערנט די העברעאיש שפראך, די געשיכטע פון טעאטער, קונסט, ריטמיק, מיט איין ווארט: זיי האבען זיך אלזייטיג געבילדעט.

אין משך פון די דריי יאהר זענען צו דער סטודיע איינגיגע פערזאנען צוגעקומען, איינגיגע אפגעקומען, אבער די איניציאטיוו-גרופע איז געבליבען פעסט אויף איהר פלאץ און האט זיך אהן אויפהער געבילדעט.

פאר א יאהרען איז מיט גרוים ערפאלג פארגעקומען דער עפנטליכער עקזאמען פון דער „סטודיא" לעצטענס האט די „סטודיע", ארבייטענדיג אונטער דער אנפיהרונג פון רעזשיסער פון שטאטישען טעאטער, ה' ווערצינסקי, צוגעגרייט א העכסט אינטערעסאנטען פראגראם, מיט וועלכן זי וועט היינטיגען דאנערשטאג, דעם 8 מאי, צום ערשטען מאל ארויסטרעטען אויף דער בוהנע פון לאדזער קאמעראל-טעאטער.

דאס פראגראם בעשטעהט פון יצחק קאצענעלסאנ'ס „קבוץ גליות", איינגיגע פראגמענטען פון שטיינמאנ'ס „משיח בן יוסף" און פון שליאנסקי'ס „הרכבת"

הערץ גראסבארד

מארגען, מיטוואך וועט אונזער בן עיר הערץ גראסבארד ארויסטרעטען אין טעאטער „ארט" מיט א ווארט-קאנצערט.

הערץ גראסבארד איז היינט צו-טאג דער איינציגער קונסטלער - רעציטאטאר און ער האט זיך קונה שם געווען מיט זיינע קונסטלערישע ארויסטרעטונגען נישט נאר אין פוילען.

ביי גראסבארד'ן בעקומט די יודישע פאעזיע און ליטעראטור פערקערפערונג ווי א סקולפטור מאכט ער אויס און זיינע רעציטאציעס די העלדען פון אונזערע שרייבער און פאעטען.

אויפטריט פון די שוועסטער האלאמא

מארגען, מיטוואך 8.30 אווענד, קומט פאר און פילהארמאניע א גרויסער מאניג-אווענד מיט'ן אנטייל פון די בערוהמטע רעווי-קינסטלערינס, די שטערן פון ווארשאווער „מארסיע אקא", די פענאמענאלע טענצערינס, די שוועסטערן האלאמא.

ס'בעטייליגען זיך אויך די בעריהמטע ווארשאווער ארטיסטען ניוטא באלסקא און וואצלאוו רזאנאוויטש

חיים כהנא'ס אויסשטעלונג פון מעטאל-פלאסטישע ווערק

די אויסשטעלונג פון פרא. חיים כהנא'ס מעטאל-פלאסטישע ארבייטען, וואס קומט פאר אין לאקאל פון דער יודישער פרויען-גימנאזיע (פוראכאן|ז וולטשא 6) און עהרענליכן שבת אווענד געעפענט געווארען.

דער קונסטלער האט אויסגעשטעלט מערערע נייע ווערק, וואס ראהמענטורען זיין כסדר'דיגען וואוקס און ענטוויקלונג.

די אויסשטעלונג מאכט אנ'אויסגע צייכענטען איינדרוק. זי איז אפען יעדען טאג פון 9 פריה ביז 9 אווענד.

וואָס ווערט היינט געשפּילט
אין טעאַטער / אין קינאָ

יודיש טעאַטער: „די מאַמע פון דער וועלט"
שטאָטיש טעאַטער: „ציאַנקאַלי".
קאַמעראַל טעאַטער: „די פרוי פון דער עלעגאַנטער וועלט"
קאַפּיטאָל: „צווייי חברים".
קאַסינאָ: קלאַנג-פילם „די געשיכטע פון אַ פאַר כאַ"ק",
ספּלענדיד: „די מעלאַריע פון הערצער"
גראַנד-קינאָ. „די ריטער פון ליבעס-געשיכטען",
לונאַ: „די פערניכטונג קומט פון מזרח":
קאַפּיטאָל: קלאַנג-פילם „נח'ס תבה"
זאַכענטאַ: „פּירשטין מערי"
פּזשעדוואָסניע: „די זינדיגע ליבע"
ספּאָלדזשעלניאַ: „דער חתונה-מאַרש"
פּאַלאַס: דער גיפּס מישער"
אָדעאָן: דער קאַפּריז פון אַ מיליאָנער
וואָדעוויל: „די מזרח-בלום"
קאָרסאָ: „דער געהיימניספולער מערדער"
שוויט: דער גורל
אָשוויאַטאָווי: „פּירשט—סטודענט"

בלוטיגע רציחה
פון אַ ליבעס-קאָנקורענט

(§) אין דאָרף שניצע, וואָס געהערט צום לאָדזער אינדוסטריעלער אַדאָלף דאָוּבע, איז נעכטען געקומען צו אַ בלוטיגער אָפּרעכענונג צווישען אַנטאָני קאַפּקאַ און יוזעף טשאַנעצקי צוליב אַ מיידעל. ביידע ליבעס-קאָנקורענטען האָבען זיך נעכטען געטראָפען אויף אַ פערוויילונג נאָכ'ן אויסטרינקען אַ פּאַר „גלעזלעך", האָט קאַפּקאַ צוויי מאָל אויסגעשאָסען אין טשאַרנעצקי'ן. קאַפּקאַ איז אַרעסטירט. טשאַרנעצקי איז אין שווערע יסורים אָפּגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל אַריין

פון טאַפּעציר'ר-צעך

אַלס סמאַרשי פון טאַפּעצירער - צעך איז אויסגעוועהלט געוואָרען ה' ב. וויינריב, און נישט ה' וויינבערג, ווי עס איז געווען על פי טעות געדרוקט.

2 שרפות

(§) נעכטען פריה זענען די פייער-לעשער אַרויסגערופען געוואָרען צו אַ שרפה, וואָס איז אויסגעבראָכען אויף פּאַוויאַ (באַלוט) 12. עס זענען פערברענט געוואָרען קאַמערן מיט פערשיידענע זאַכען פאַר 2000 גילדען.

נאָכמיטאָג איז אויסגעבראָכען אַ שרפה אויף אַלעקסאַנדער גאַס 88 אין אַ שאָפּע מיט האָלץ. די גאַנצע שאָפּע מיט די ברעטער פאַר 5000 זל. זענען אוועק מיט'ן רויך. די שרפה איז ענטשטאַנען צוליב קינדער, וועלכע האָבען זך געשפּילט מיט פייער.

אַ יודיש מיידעל
אונטער אַ נ'אויטאָ

(פ) אויף נאָוואָמיעסקאַ גאַס איז דורך אַנ'אויטאָ איבערגעפאָהרען געוואָרען די 11-יעהריגע סאַלאַ שאַפּראַן פון נאָוואָמיעסקאַ 4. פּאָגאָטאָוויע האָט זי אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

לאָדז—וואַרשאַ
טעלעפאָנישער קאַבעל

(§) עס זענען שוין פערענדיגט געוואָרען די אַרבייטען ביים לעגען דעם אונטערערדישען טעלעפאָנישען קאַבעל אויף דער ליניע לאָדז — וואַרשאַ און ס'ווערען שוין געמאַכט די פּראָבע-פערבינדונגען. דער קאַבעל האָט 30 ליניעס. מען וועט קענען בעקומען אַ געשפּרעך מיט וואַרשאַ, נישט וואַרטענדיג אַ מינוט. און יולי וועלען די נייע ליניעס געעפענט ווערען פאַר'ן געברויך.

לעזט און אַבאָנירט
דאָס
„לאָדזער טאָגעבלאַט"

אויסלענדישע פּעסער און... צדקה.

(§) די וואָיעוואָדשאַפט האָט דערהאַלטען פון אינערן-מיניסטעריום אַ צירקולאַר, לויט וועלכען די בעאַמטע איז פערווערט צו נעמען ביים אויסשטעלען אויסלענדישע פּעסער שפּענדען אויף וואָהלטעטיגע צוועקען. עס איז נאָר ערלויבט דערביי צו פערקויפען אָפּצייכנונגס-מאַרקען פון „רויטען קרייץ" און פערשידענע.

געזעלשאַפט פאַר ל נ"-קענטשאַפט.

די לאָדזער אָפּטיילונג פון דער יודישער געזעלשאַפט פאַר לאַנד-קענטניש (פּעטריקאָווער 56) אָרגאַניזירט אייף קומענדיגען זונטאָג, דעם 11 מאַי אַן אויספלוג קיין לאָגעוויניקי. אייבשרייבונגען ווערען אָנגענומען מיטוואָך און פרייטאָג פון 8 ביז 9 אָוונט אין סעקרעטאַריאַט פון דער געזעלשאַפט.

אויסשטעלונג פון מאַנע-קאַץ אין פּאַריז.

פּאַריז (יטאַ) דעם 2. מאַי איז די געעפענט געוואָרען אַנ'אויסשטעלונג פון בילדער פון יודישען קינסטלער-מאָלער מאַנע-קאַץ. די אויסשטעלונג קומט פאָר אין דער גאַלעריע „ברומער" און וועט דויערן ביז דעם 27 ה. ח.

אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע אין מעקסיקאָ.

מעקסיקאָ (יטאַ) די מעקסיקאַנישע פּרעסע האָט אויפגעהויבען אַנ'ערנסטע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע. איבער'ן גאַנצען לאַנד ווערען קאָלאָפּאָרטירט אַנטיסעמיטישע פלוג-בלעטלעך, אין וועלכע די בעפעלקערונג ווערט גערופען צו עקאָנאָמישען באָיקאָט געגען די יודען.

—0—

קינאָ ZACHĘTA
זגערזשער 26

היינט און וויטערדיגע טעג! גרויסער דאָפּעלט-פּראָגראַם.
1) „פּירשטין מערי" אין די הויפּטראָלען: Helena Czarska i Prozorawski
2) „15 מינוט שרעק" אַ בילד וואָס שפּרודעלט מיט געלעכטער-הומאָר. די הויפּט-ראָלען: Charles Murray i G. Sydney
דער נאָהענטסטער פּראָגראַם: „שאָפּענס ליבע און טרעהרען"

כלאַנג-פילם-טעאַטער
„MIMOZA"
ul. Kilińskiego 178
היינט און טעגליך! היינט און טעגליך!
„געפאַלענער מלאך"
דער אויבענדערמאָנטער פילם איז דער לעצטער אויסדרוק פון קלאַנג-פילם טעכניק. — אין די הויפּט-ראָלען:
Nancy Carrdl, Gary Cooper, Paul Lukas
— אויסערן פּראָגראַם: אַטראַקציע-קלאַנג-צוגאַבען —
פּאַרטאַרטוּ און פריי בילעטען אונגילטיג. נישט קוקענדיג אויף די גרויסע קאָסטען פון בילד זענען די פּרייזען פון פּלעצער נישט געהעכערט. אָנפאַנג פון סעאַנסען אין וואָכען טעג 5.30 שבת, זונטאָג און חגאות 3.30
— דער נאָהענטסטער פּראָגראַם: —
„דער ראָמאַנס פון אַ מאָדערן פרייליין"

וויכטיג פיר צוקערלעך-פאַבריקען!
די איינציגע בעוואוסטע פאַבריק אין פוילען פון עטיקעטען
W. Pański WARSZAWA — LESZNO 78 Telef. 267.43 Konto czek. P.K.O. 4.773
צום יעצטיגען סעזאָן איז מיין לאַגער פערזעהן אין זעהר אַ גרויסען אויסוואַהל פון אַלערליי קאַרמעלען-עטיקעטען, אויף דיקען פּאַפּיר אויך אויף פּאַרגאַמענט און געפּעצטעס פּאַפּיר, לויט די בעסטע אויספיהרונג. אויפ'ן פערלאַנג ליפערן מיר אַלעראַרט צודאַטען ווי עסענצען, אַלעיקעס, פאַרבען א.ז.וו.
אַלעס צו קאָנקורענץ-פּרייזען.
רעעלע בעהאַנדלונג. — פּינקטליכע ליפערונג.
פערצייכענט דעם אַדרעס. / ל' W. Pański

כשר וויכטיג פאַר די יוד. בעפעלקערונג כשר
דערמיט מאַך איך בעקאַנט דאָס ג' פּובליקום דאָס נאָך אַ גרינדליכען רעמאָנט ווערט ווידער היינט דינסטאָג 1 אַ זייגער מיטאָג געעפענט אויף פּיעטריקאָווער 62 דער בעוואוסטער באַר
„ALA FOURCHETTE"
דער באַר איז פערזעהן מיט ערשטקלאַסיגע קרעפּטען ווי אויך אונטער אַ שטרענגע רעליגיעזע קאָנטראָלע פון ה' בערנהיים. מיטאָגען ווערען אַרויסגעגעבען פון 12 אַ זייגער מיטאָג. ס'וועט אויך זיין אַ ספּעציעלע מילכיגע קוך פון 5 אַ זייגער נאָכמ. מיט אַכטונג
כשר ה. בערנהיים פּיעטריקאָווער 62 כשר

וויכטיג
פאַר שניידער-מייסטער און קאָנפעקציאָנערען
מיר טיילען מיט דאָס מיר האָבען געעפענט איין געשעפט פון פערשידענע
דאַמען און הערען שניידער-צודאַטען
וויקטאָריאַס / ראָססהאַר / ספּעציאַל אָפּטיילונג
בעק / מושלין / פון דאַמען מענער
ערמעל פוטער / לייווינד / קינדער
וואָלאַשאַנקאַס / קעפער / קנעפּ
זיידענע פוטערס / קרויזע / שנאַללען
גאַלפּאַסאַ / זשאַגאַנעט
זאָוויע זעמטליכע גאַרנע קנאָפּף לאַך זיידע עטצ.
אַלעס געפינט זיך אויף לאַגער און גרויסער אויסוואַהל צו ביליגע פּרייזען.
קומט און איבערצייגט אייך. מיט אַכטונג
„BAZAR KRAWIECKI", Łódź
Nowomiejska 8 פראָנט-געוועלב
אים הויזוואָ עס געפינט זיך דאָס טוך-לאַגער פון בנימין מאַראַקקאָ.
באַזאַר ספּעציעלע שניידער-צודאַטען „באַזאַר"

הכל צריכין למרא רבא! (תנחומא)
אַלע סוחרים דאַרפען דעריבער געדענקען, אַז קלויזולעס און זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פוילען, אַלע אַרט פּאָדאַניעס, אויך שותפות-אַקטען, וואָינונגס-אַקטען, אַפּעלאַציעס, ווילאַנטשעניעס א. ד. גל. שרייבט און ערלעדיגט לויט'ן אוסטאַוו רעכטס-קאָנסולענט: י. ח. בוזין
לאָדז אָגראָדאָוואַ 3.
(עגזיסטירט זייט יאָהר 1910).
P.S. ספּעציעלע אָבטיילונג פאַר אינקאַסאָ פון פּראָטעסטירטע וועקסלען מיט פולער גאַראַנטיע פאַר'ן ערפאָלג. (אויף אַלע שטעט פון פוילען) ביי בעטייליגונג פון רוטינירטע ענערגישע עקזעקוציע-פונקציאָנערען.

אַ האַלב גרויס פראָנט געוועלב
אין בעסטען האַנדעלס-צענטער פון נאָוואָמיעסקאַ פון זאָפאָרט איבערצוגעבען. אָפערטען אָפּצוגעבען אין אַדמיניסטראַציע פון „לאָדזער טאָגעבלאַט" אונטער „M. M." 2046

געגען בעלוינונג!
עס זענען פערלוירען געוואָרען פאַר'ן הויז פּיעטריקאָווער 86 3 בלאַנקאָ-וועקסלען, צוויי צו 65 זל. און 1 אויף 100 זל., ווי אויך צוויי אויסגעשטעלטע וועקסלען צו 35 זל. די וועקסלען ווערען ערקלערט פאַר אונגילטיג. דער ערליכער פינדער ווערט געבעטען געגען בעלוינונג אָפּצוגעבען צו יוסף שפּילבערג שראַדזקאַ 1 (גייערס מאַרק) 4043

Zaginął Protest
na sumę 50 zł. płatny dn. 25|4 w Łodzi z wystawienia W. Cytrynowski na zlecenie H. Edelman. Zwrócić za wynagrodzeniem do Szyldkrot Kalenbacha 16. Protest niniejszy unieważnia się.

נעהערינס צו שטרימפּ-האַלטערס אויף אַ היים-צונעהמען צו נייען ווערען פון זאָפאָרט געזוכט. נאָוואָמיעסקאַ 21 וואוינונג 5.

אַ סקלאַד פון פּאַשע,
אין אַ גוטען פונקט, פּאַסענד פאַר יעדען אַרט געשעפט איבערצוגעבען ראָקאָטשינסקאַ 59 פראָנט

עלטערן!
אין מיין חדר-שולע ווערען נאָכמיטאָג אָנגענומען קינדער, וואָס לערנען אין פּאָווששעכנע שולען צו לערנען: חומש, רש"י, תנ"ך, משניות, גמרא, היסטאָריע, רעדען און שרייבען העברעאיש און יודישע בריף זעלבסט צוזאַמענשטעלען. ס'ווערען אויך אָנגענומען אָנפאַנגער פון 5 יאָהר אָן, ווי ס'ווערט אין פערלויף פון 5 חדשים אויסגעלערנט גרינדליך דאַווענען. שטרענג רעליגיעזע ערציהונג! צוגענגליכע פּרייזען.
איינשרייבען טעגליך 4 ביז 7 אָוונט.
יחיאל דוד ראָזענפעלד
פּל. וואָלנאָשטשי (נייע שטאָט) 6
קווער אָפיצינע, רעכטס, 2 שט.

הלא חכמה תקרא, ותבונה תתן קולה,
בצדק כל אמרי פי, אין בהם נפתל ועקש, אשרי אדם שמע לי, לשקד על דלתותי יום יום. איבער דעם זאָלסטו קומען אין מיין רעכטסקאָנסולענטען-ביוראָ צו
ה' מאַנעלאַ, זאַכאָדניאַ 52 פּיעטריקאָווער 17
טעלעפאָן 148-79
וואו ס'ווערט פּינקטליך און געוויסענהאַפט ערלעדיגט און געשריבען אַלערליי ביטעס: ציווילנע, קאַרנע, האַנדלאָווע, אַפּעלאַציעס אַדוואָלאַניעס, קלאַוזולעס, זאַפּעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פוילען, וועגען דירות אין אוזשאָנד ראָזיעמטשע, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען.
מיט אַכטונג
ד. מאַנעלאַ, רעכטסקאָנסולענט
פּיעטריקאָווער 17

באַקאַנטמאַכונג!
דערמיט מעלדען מיר די ג' געסט, דאָס דער לאַנגיעריגער
רעסטאָראַן מ. פּאַגעלמאַן
גיט ווייטער אַרויס מיטאָגען פון 2 זל. אָן
דער בופעט איז פערזעהן מיט וואַרימע צובייסען, ווי אויך מיט אַלעראַרט קאָניאַקען, ליקערען אויסלענדישע און אינלענדישע
נור אַנשטאַט'ס פּילזנער ביר
מיט אַכטונג מ. פּאַגעלמאַן
צעגיעלניאַנאַ 42, טעל. 178-20

לעזט און אַבאָנירט
לאָדזער טאָגעבלאַט

אכטונג! — אכטונג!
קאָנקורענץ-פּרייזען!
כדי צו ערמעגליכען די ברייטסטע קרייזען פון ג' פּובליקום צו בעקומען אַ ביליגע און גוטע קינסטלערישע אויפנאַהמע' זענען די פּרייזען אין מיין פאָטאָגראַפישן אַנשטאַלט געוואָרען פערקלענערט ווי:

12 שטיק	(„Express pictures")	זל. 2
6 „	פּאַסט-פאָטאָגראַפיעס	„ 2
6 „	פּאַסט- „ ברוין	„ 6
6 „	„ „ אויף זייד	„ 8

אכטונג צו אַ ½ טוץ זיידענע פּאַסט-פאָטאָגראַפיעס גיט מען צו אכטונג
אַן'אָריגינעלען פּאָרטרעט בחנם!!
ס'ווערען אויך אויסגעפערטיגט פּאָרטרעטען אין ראַהמען און אויך אַ פערקויף פון ראַהמען.
קומט און איבערצייגט אייך!
מיט אַכטונג
„PARISIEN"
קונסט-אַנשטאַלט
פראַנציסקאַנער 30.

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
זאַוואַדזקאַ 1.
נאָר פאַר ווענערישע הויט-קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראַלאָגישע און נערווען-קראַנקהייטען.
קוואַרץ לאַמפּ-עלעקטרישער הייל-קאַבינעט-קאַסמעטיק
טעגליך פון 8 אַ זייגער פריה ביז 9 אָוונט
זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג
בעזונדער וואַרטע צימער פאַר פרויען
וויזיט 3 זלאָטעס

רעקורסען (podatek obrotowy)
געגען צו הויך אָבגעשאַצטען אומזאַץ-שטייער פאַר'ן יאָהר 1929 ... „אַרגוס" ... זאַכאַדניאַ № 36 פראָנט, פּאַרטער, טעלעפאָן 108-47.

וויכטיג פאַר דאַמען!
... נאָר 50 זל. ... פּיאָטרקאָווסקאַ 23 ... „TOLA"

זעזנאַניעס
וועגען פּאָדאַטעק דאָכאָדאָווי
שרייבט דאָס רעכטס-קאָנסולענטען-ביוראָ „אַרגוס", זאַכאַדניאַ 36 — טעלעפאָן 108-47
דער טערמין איז נאָר ביז'ן 1 מאַי.

שרייבען שעהן און שנעל
לערנט אויס דער בעריהמטער קאַליגראַף ל. בערמאַן אין 15 לעקציעס, אויך ווערט אויסגעלערנט גוט שרייבען אַ יודישען בריף אין 15 טעג, אַפילו דעם וואָס קען גאָרניט. די עלטער שפּילט קיין ראָלע ניט.
זאַוואַדזקאַ 19 פר. 1 שט.

אַנאָנסעמענטס-פּרייזן: [illegible]
אַנאָנסען-פּרייזן: [illegible]

Redaktor-wydawca B. Hamburski
Tłocznia: B. i M. Hamburskich w Łodzi Piotrkowska 16